NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13347

# GALOP

Ezre Fininberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּאָפּולערע
ביבליאָטעק

ע. פינינבערג

# גאָלאָפּ

סעריע בעלעטריסטיק—15 №

קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג
קולטור-ליגע

[8924 — 3.]

פּאָפּולערע ביבליאָטעק

ע. פיגינבערג

# גאַלאָפּ

פּאָפּעראַטיווער פאַרלאַג
„קולטור-ליגע"
קיעוו—1926
PRINTED in U.S.S.R

№ 15 סעריע בעלעטריסטיק

מעלוכע - טרעסט „קיעוו - דרוק"
4-טע דרוק. וואָראָווסקע גאַס 42.
באַשט. № 618, געדרוקט 3000
(אקרהויפטליט 13971 קיעוו)

# I

באם סקווער, וואָס געדיינקט אלע פארנאַכטיקע ליבעס פון שמאָט, — סאָף-ווינטער דימאָלט, און שניי צעגייט אף אלייען פון סקווער, — בא אייזערנע שטאכעטן פון סקווער-פארקן, צו לאנגער גאַס מיט הייזער צווישטאָקיקע, הייזער נעגידישע — האָט אין פארנאַכט לעצטע פלייצע קאָזאַקישע אַ שווינדל געטון, אַ פערד האָט זיך אַ דריי, אַ פלאָנטע, אַ קער אויס געטון, גענומען העטשקען זיך, אַרומשפרינגען און לייגן קופּעס אף שטיין, — רייטער האָט עס מיט קאס אין קאָפּ אריין געשלאָגן, פערד האָט זיך געדרייט און, קופּעס לייגנדיק, אוועק-אוועק, אַראָפּ, צו עק גאס נעגידישער, צו בריק, צו וואָקזאַל, צו פעלד פרייען אין סאָף-ווינטער.

ניטאָ. ניטאָ קאָפּ צעפּאַטלטער, אין שיקרעס צעשאָקלטער אף גאַס שטאָטישער. ניטאָ רעגע אָנגעזאָפּענע, פריי-צעטאנצטע, מיט אויגן דולע אף גאס שטאָטישער.

איינגעקאָרטשעט זאָקנדל-אידל איז אין אַראָפּשווימענדיקן פארנאכט מיט „ויי-געזונט"-קויל אין ריפּ אַף שכייניש נעסל אף ציגל געלעגן, — טאָכטער און איידעם האָבן איבער אים געיאָמערט, קוויטשיק אין פוסטעניש פון שטאָט געיאָמערט. און פון דער הייך אין אַראָפּשווימענדיקן פארנאכט, איבער הויל פון גאסן, האָט ניט-שניי-ניט-רעגן גענומען גיין. פון געדיכטן וואָלקן אין הייך איבער פארפאיעטער שטאָט האָט זיך אַ לאָז געטון מיטאַמאָל געדיכטס, קנאקנדיקס, שפרינגענדיקס, אף אַ גאַנצער נאַכט.

פון טורמע ביז זאַוואָד, פון גאָרטן טיפן ביז רעלסן גלאנציקע פון אייזנבאן, מיט פארשפּאַרטע דירעס, מיט סלופּ און מיט

דראָט אף סלופּ, מיט ציגל, מיט ברייט און לייגג ליידיקער האָט שטאָט געקלונגען. אין פעלדער צעווייקטע ארום שטאָט איז לייַדיק געווען. אין פּארהאקטע דירעס האָט פּיבערנדיקער שלאָפלאָז דורך שפּאַרינעס פון לאָדנס געקוקט, אויער צוגעלייגט, געהערט:

— סע כליופּעט און סע קלינגט אין ליידיק.

אין פּארהאקטער דירע האָט ווייבל מיט קאָפּ:ל צעשפּיליעטס· בא טיש, אין ראָד פון שכיינעס וואכנדיקע געציילט:

— וויפל האָבן זיי דאָ אף די טראָטואַרן אוועקגעלייגט?

און אכט פינגער אף הענט ציטערנדיקע פארבויגן, — אַכט.

אין פּארהאַקטער דירע האָט מען ביז אינדערפרי קיין אויג ניט צוגעמאַכט: אין פעלדער אָפענע, ליידיקע רוקט זיך שוין עפּעס. און אינדערפרי — אינדערפרי?

און אינדערפרי האָט זיך אויסגעלייטערט, און אינדערפרי האָבן זיך אַלע טירן אופגעמאַכט, אָנגעפילט געוואָרן זיינען גאַסן, און בא יעדער ראָג — אַ רעדל. און בא יעדער ראָג — אויערן אָנגעשפּיצטע, מיילער צעשרויפטע:

— איז וואָס הערט זיך, וואָס הערט זיך?

און רייטער נייע — זע נאָר, ס'איז דאָ היימישע! — רייטער נייע האָבן אין אַלע עקן שטאָט ארומגעיאָגט. ס'איז דאָך היימישע! אָט איז פליישמאַן, דעם קירזשנערס פליישמאנס באָכערל, און אָט איז — באַליאַס, מיטן שוואַרצן טיכל אפן לינקן אויג· באַליאַס...

— די „גרויסע" זיינען ניט-ווייט, מארגן—איבערמאָרגן קומען זיי אַריין...

— באנאכט איז געווען אַ זיצונג פונם קאָמיטעט אף צו באַשיצן די אָרדענונג. באליאס איז איצט נאַטשאַלניק פון מיליציע אין שטאָט...

— קעגן קלייטן פון ראטהויז — אלט איז דער ראטהויז! אפן פּלאַץ פאַרן ראטהויז פלעגט פאַליאַק - פאַרעץ קאזאקן זיינע היינגען! — קעגן קלייטן פון ראטהויז, וואָס יאָנטעוון, פוסטעפּאסעווען

שוין פערטע וואָך, אין מיט רעדל, וואָס לעבן ר׳ בעריש מאַכלינס הויז, האָט אָוורעמל דער באָס, דער „דייטש", געטאַינעט, אז ס׳וועט זיך פאָרט אויסלאָזן מיט דייטש.

— איר הערט מיך, ער וועט נאָך דאָ זיין!...

און ר׳ בעריש מאַכלין מיטן צוריכער קאַפּעלושל, — ערשט מיט אַ וואָך צוויי צוריק, נאָך 6 יאָר אין מיצקע דרינען אַראָפּ אין שטאָט אריין, נאָך פאר-מילכאָמע אנגעזעצט און אין ציוריך מיט שלייקעס געהאַנדלט, אָט האָסטו אים פּלוצלינג דאָ, אין שטאָט, אין אָנהייב טומל, — ר׳ בעריש מאַכלין האָט אַזש דאָס קאַפּעלושל אַפּן שפּיץ קאָפּ פארוקט:

— קומען זיי טאַקע, די „גרויסע"?

און דעם באָכער טשערנסאנען, שאכן אין הויז, וואָס שפּאַנט אין גאַסן צעראשטע אוועק, האָט ר׳ בעריש באם ארבל אנגע-כאפּט, פארסטאמפּעט דעם וועג, מיט וואונק און מיט שמייכל צו אים אַרופגעזאָגט:

— קומען, הייסט עס, איציקל, דיינע?

— זיי קומען, ר׳ בעריש, זיי קומען!...

אַוועקגעשפּאַנט האָט טשערנסאָן פארביי רעדלעך, פארביי אוילעם אף גאַס צעראַשטער צו הויפּט-גאַס, אַהין, וואו ס׳קנוילט זיך און ס׳קניפּט זיך נייע געשעעניש אין שטאָט.

געפלויגן זיינען אין אַלע זייטן באָכורים אַף פערד, שמיידיק און צעהיצט און פאַרטון. און אַף טראָטואַרן — אוילעם, ווי אין אַ יאָנטעוו, ווי אין אַ כאָגע. מורמל, ציטער מיט פרייד: נייס וועט טרעפן! פון טראָטואַרן — טייטעניש מיט פינגער:

— אָט פליט שמוליק, זעט נאָר, אָט פליט שמוליק וואָלנע-דרווּשיניק... אויך אין דער נייער מיליציע...

— אין מיט הויפּט-גאַס האָט טשערנסאנען אָפּגעשטעלט רע-דאַקטאָר שטיין.

רעדאַקטאָר שטיין, — אַ קורצוואוקסיקער, אַ דאַרינקער, מיט קלייען אַפן פּאָנעם, מיט אייגעלעך וואסערדיקע, גליוועדיקע, מיט הענט פארלייגטע אין די קעשענעס, — רעדאַקטאָר שטיין האָט

טשערנסאַנען. אונטער דער האַנט אַ נעם געטון און אים אױעק־געשלעפּט מיט זיך.

— יאָ, מאָרגן — איבערמאָרגן קומען זײ אַרײַן, װעלן מיר׳ הײסט עס, אַ קוק טון, טשערנסאָן, מיט װאָס שמעקט עס.

רעדאַקטאָר שטײן — אַמאָל אין װאָלאָגדע פאַרשיקט געװען. פאַר 5-טן יאָר און פאַר נאָך-5-טן יאָר. רעדאַקטאָר שטײן — פאַר מילכאָמע זיך אומגעקערט און רוסישע צײַטונגען אין שטאָט גע־נומען אַרױסגעבן, מיט איספּראַװניק און מיט „דװאָריאַנסקאָיע סאָבראַניע" אַ שטיקל מעקורעװ װערן, רעדאַקטאָר שטײן — אין 17-טן יאָר הױך, זײער הױך „מאַרסעליעזע" געזונגען, אין ס.־ד — אן אָנפירער.

— „Еще бабушка на двое сказала" — האָט, שלעפּנדיק טשערנסאָנען צװישן אײלעס, געגעדט רעדאַקטאָר שטײן, — מירן׳ זען אױס, נאָך האָבן צו זינגען און צו זאָגן, טשערנסאָן...

רעדלעך אין מיט הױפּט-גאַס האָבן ניט געלאָזט דורכגײן׳ פיבער און אַרױסקוק האָט שטאָט געװיגט. גרײט געװען קאָפּ און אױג יעדער רעגע אַ פּלי טון: אָט פונדאָרטן, אָט פונדאָרטן גײט עס?

טשערנסאָן האָט געפּירט לעבן זיך שטײנס דאַר קערפּערל און מיט אױגן אַרומגעבלאָנדזעט איבער װימלענדיקער גאַס.

— אָט פאָרט באַליאַס !...

מיט האַנט האָט צו זײ פון ברוק באַליאַס געפאָכעט. פאָנעם זײַנס מיט שװאַרצן טיכל אױף לינקן אױג, צעשעדיקטן אין גע־פײַנקעניש דײַטשישער, האָט געשמײכלט. ער איז מיטן פערד צום טראָטואַר צו און הענט אױסגעשטרעקט:

— יעדיעס באַקומען: מאָרגן אינדערפרי, מעגלעך נאָך הײַנט פאַרנאַכט זײַנען זײ דאָ. .

רעדאַקטאָר שטײן:

— איז אַרױסלאָזן אַ טעלעגראַמע אַן עקסטרע?

— יאָ, יאָ.

און שמײכלענדיק אַװעקגעיאָגט האָט ער, באַליאַס. באַם פאַר־קערעװע פון גאַס האָט זײַן שװאַרץ טיכל אַ פינטל געטון.

— ער ווערט פון טאָג צו טאָג דויסער, אונזער באַליאַסעלע, — האָט רעדאַקטאָר שטיין ווייטער טשערנסאָנען געשלעפּט, — געכטן באַנאַכט אַף דער זיצונג פון קאָמיטעט האָט ער צו אונז אַזעלכע דיבורים גערעדט, אז ס'איז כּידושים: — „ס'איז קיין ברירע ניטאָ, מיר מוזן...”

— וואָס רעדט איר?

טשערנסאָן איז אַף אַ רעגע געבליבן און אָנגעקוקט דעם רעדאַקטאָר שטיין: „באַליאַס, וואָס איז אַזאַ פאַרביטערטער פון געפּיינקעניש דייטשישער אַנטלאָפן און לאַכט שאַרף, אַזוי גיפטיק-שאַרף פון „אָט די מאַמזייערימלעך, וואָס מע דאַרף זיי אין באָד אַריין פירן אַרומוואַשן זיי, אַרומצוואָגן זיי”, באַליאַס?

— דאָס וואָס איר הערט!

שטומענדיק, מיט אויגן אַרומפליענדיקע האָט שוין טשערנסאָן געשפּאַנט מיטן רעדאַקטאָר שטיין, געשפּאַנט און געהערט — ניט געהערט, וואָס מע רעדט.

— דעמענקאָ, אונזער גאַליציאַנערל, פּראַוועט שוין איצט אין ווינעצע. ס'קער דאָרט גאָר פריילעך זיין...

דורכגעלאָפן אין דער הויפּט-גאַס כאַיעט דער דרוקער, אימפּעטלעך פאַנאַנדערגעשטופּט דעם אוילעם ארום זיך, דערזען טשערנסאָנען, שטיינען, אפּגיך אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און איילנדיק דורך פאַרביי.

— ס'קומט זיין צייט, — האָט רעדאַקטאָר שטיין אַוועקגע-שליידערט אָפן טראָטואַר זיין אויסגערויכערטן פּאַפּיראָס, — ער וועט איצט זיין אַ קנאַקער...

נאָר טשערנסאָן האָט שוין לאַכלוטן ניט געהערט. עמעצער האָט אים פּלוצים באַ האַנט אַ צי געטון, האָט ער זיך אַ האַסטיקן קער-אויס געטון, מיט צעלאָפּענע אויגן אַ קוק געטון: — טאַמאַש!

אַלץ געדיכטער געוואָרן אוילעם אף הויפּט-גאַס. פון אַלע גאַסן האָט מען זיך געגאָסן: סע קניפּט זיך אף הויפּט-גאַס פרישע געשעעניש פון שטאָט. ער, טשערנסאַן, מיט צעפלויגענע אויגן אין מיטן געלויף, אין מיטן ריכטן זיך — גוט איז

ערעוו פרישער געשעעניש אין שטאָט, — וואָס וויל פון אים איצט דער געשטופלטער טאָמאש?

— אַ ברייוול פאַר אייך אָנגעקומען, באַקומט, טשערנסאָן.

טרוקן-העפלעך טאָמאשס הייזעריק קאָל, און אַ נויג האָט ער זיך געטון און אַוועק, אַוועק. אין האַנט בא טשערנסאַנען אַ קאָנ-ווערט, אַ ברייוו.

— איר האָט געשעפטן מיט דעם געשטופלטן, טשערנסאַן?

ס'וועט דאָך אייך אַצינד צונויף קומען, זייער צונויף קומען!

צוגעשטאַנען איז שוין צו זיי אויך דער לאַנגער מעניס מיט די פארשלאָפענע אויגן, מעניס, וואָס האָט אין 5-טן יאָר געפלאַמט-געפייערט און איז ביז 12-טן מארט 1917 אף פריוואַטע שטונדן בא לאטיין-„אוראָקן" געשלאָפן, וואָס ביז מארט 1918, ביז דייטש, האָט ער אין פראַק, אין באַנזשעטן מיט זיצונגען פון שטאָט-דומע אָנגעפירט, און פון דייטש אָן איז ער באניים אַנ-שלאָפן געוואָרן. ס'האָט אויך אים, דעם לאנגן מעניסן, אַף גאַסן אַרויסגעשלעפט:

— זיי קומען?

אָט איז ווידער דורכגעפלויגן אַף פערד באַליאַס. ער יאָגט מיט דער גאַס, וואָס פירט צו גרויסן גאָרטן, ער פליט מיסטאָם אַ קוק טון אַף דער וואך, וואָס שטייט דאָרט בא אַרויסגאַנג פון שטאָט. אָט איילן דורך איבערן בריק געאַרעמט פרזשעלסקי, דער אַדוואָקאַט, דער שטענדיקער פאָרזיצער פון די „קאָמיטעטן אף באַשיצן די אָרדענונג", און דער ראַבינער, דער אויסגעטריקנטער ראַבינער, וואָס ראַטעוועט שטענדיק די שטאָט.

— זעט, זעט: דער ראַבינער מיט פרושעלסקין! זעט אויס, אָרגאַניזירן אַ באַגעגעניש, אַ גרויסע באַגעגעניש.

ביזן נאָענסטן ווינקל וועט ער, טשערנסאַן, מיט רעדאַקטאָר שטיין און מיטן לאנגן מעניסן צושפּאַנען, דאָרט וועט ער אַוועק פון זיי. אין צווישן געסל אריין, דאָס ברייוול איבערלייענען.

נאָר עפּעס האָט אוילעם צונויפגעשטאָפּטער אף הויפּט-גאַס פּלוצים אַ טרייסל זיך געטון. עפּעס פון אַ ווייטן אוילעם-סאָף

האָט אָנגעהויבן טומל אָנוואקסן, טופּעניש פון פיס, געראנגל, געלויף... און מיטאַמאָל... וואוהין איז? וואוהין איז? וואָס איז?... אין אַלע זייטן אריין פליט פוס מיט קאָפּ, מיט פלאטערדיקן לייב, אַראָפּ-גאַס, אַרויף-גאַס, ניט אומקוקנדיק זיך, אָן אָטעם.

— זיי זיינען שוין דאָ!! זיי זיינען שוין דאָ!!

און אין אַ רעגע — ליידיק הויפּט-גאַס, און פון אלע זייטן — ליידיק גאַסן, נאָר פון אונטער אַ ראָג — אַ פוס, אַ נאָז, אַ אויג. נאָר פוצערלעך. גאַס-כעוורע, טאַנצן פריי אינמיטן גאַס, קוקן פריילעך-נייגעריק אין אלע ליידיקע שטאָט-זייטן אריין.

רעדאַקטאָר שטיין און טשערנסאָן געפלעפּט אַף אַ רעגע. אז ארומגעקוקט זיך: דער שרייבער מענ׳ס איז מיט זיי נישטאָ, ניט געסטאיעט. אַ 5—4 פאַרשוין שטייען זיי אף ווינקל הויפּט-גאַס, לעבן אַ טויער אַ פאַרשפאַרטן. און ארום און ארום — הויל די גאַסן, נאָר אנטלויפנדיקע פוס שווינדלט אינדערווייטן. איינגעהערט זיך: אין שטילקייט אַף צעלאָפּענער, אויסגעבאַ-האַלטענער שטאָט, פונדערווייט, פון יענער זייט, וואו פון בריק פירט אלטע-אַלטע גאַס ארוף קרומען בארג אין שטאָט אריין — קנאַל, קנאַל, קנאַל! פון דער נידער ארוף, און נאָכאַמאָל — קנאַל, קנאַל, קנאל! און נאָכאנאנד, און איינגעשפּאַרט, און צעהיצט.

פוצערל באָרוועס האָט זיך אויך צו טויער צוגעטוליעט, צוגעשטשירעט און געקוועלט .

— ס׳איז זיי! אף מיין ווארט, זיי!

און די גאַס ציט זיך ליידיק אַראָפּ, צו יענעם גרויסן בארג. ציט זיך מיט בולוואר, פארביי ראָטהויז, ביז אָנהייב בארג און ביז אָנהייב נידערשטאָט, וואו אינמיטן שטעקט מארק.

פאַרשוינען באַ טויער פאַרשפּאַרטן האָבן פלוצלינג דערזען: באַ ווייטן עק גאַס, דאָרט וואו מארק, פליט עפּעס אָן. ס׳הייבט זיך בלאָטע אינדערהייך און שנעל, בליצשנעל פליט עס אהער, צו ווינקל. און טופּעניש האָט זיך דערנעענט, אומגעהייער-הודענדיקע טופּעניש, און ווידער, ווילדער,—דולער קנאַל, קנאַל, קנאַל!

אַן האַסטאָקע. די לופּט איבער שטאָט פלאַטערט, פון גאַסן ארום ענטפערט מיט עכאָ אָפּ.

שטייפער צו טויער פאַרמאַכטן האָבן זיך לייבער געוויקס, פליענדיקס האָט זיך אלץ געגעגנט, און אָט איז עס דאָ —

אף א צעפּאַליעטן, פאַרשוימטן פערד אַ באָרוועסער צעפלאָמטער מאַטראָס, און דאָס העמד איז באַ אים צעכראַסטעט, און די האָר זיינע — ווילד-צעפּאַטלט, די אויגן — גליענדיק-צעלאָפן, און מיט לענטעס קוילן איז ער באַהאַנגען, און ס'באָמבלען זיך האַנט-גראַנאַטעס אף זייטן זיינע, און עפּעס שרייט ער, און פון „שפּיי-סר", אַרופגעשליידערטן ארוף — קנאַל, קנאַל, קנאַל!

ער האָט אף איין אויגנבליק מיט צעלאָפענע אויגן אַ בלאָנ-דזשע געטון אַף בינטל באַ טויער, עפּעס אַ געשריי געטון, עפּעס ניט גלייכס, נאָר גרויזאַם-מעכטיקס, שוידערלעך-צערייצטס און פאַרקערעוועט צו גאַס שכייניש ער, אַוועקגעיאָגט ווייטער שניידן די לופּט איבער ליידיקער שטאָט מיט טופּ, געקנאַל און געשריי.

— ער איז איין עקסטאַז, טשערנסאָן! לאָמיר זיך פאַרנעמען, — האָט געמורמלט רעדאַקטאָר שטיין.

נאָר פון עק גאַס, פון מאַרק, פאַרביי ראַטהויז, פאַרביי בול-וואַר איז שוין אַ צווייטער געפלויגן, און אויך מיט געקנאַל, און אויך רעוועדיק. געפּאָכעט האָט נאָך אים לאַנגער, ברייטער קאַוו-קאַזער מאַנטל, — ער איז אויסגעשפּרייט געווען אָטן פערד. דאָס פערד איז אונטער אים אלעמאָל אונטערגעשפּרונגען און שנעלער, שנעלער געפלויגן. באַ ווינקל גאַס, קעגן בינטל באַ טויער. האָט זיך פּאָנעם פון פערדס גריווע אויפגעהויבן אַ שוואַרץ, פאַרבערנט מיורעך-פּאָנעם, מיט אויגן צעשיינטע.

— דע טוט טורמאַ? טורמאַ!! — האָט בינטל באַ טויער אַ כריפּ דערהערט. „שפּייער" אין האַנט רייטערס איז געוואַנדעט געווען שטייף און גלייך קעגן בינטל.

— אַהין, אַהין! — האָט בינטל באַ טויער מיט פינגער געטייט.

מיט קאָפּ און גריווע, מיט צעפּאָכעטן מאַנטל איז ער אוועק אַהין, וואוהין מ'האָט אָנגעוויזן.

פון עק גאַס, פון מארק זיינען שוין נאָכגעפלויגן — אַ דריטער, אַ פערטער, אַ פינפטער...

— מע דאַרף זיך פאַרנעמען, טשערנסאָן! — און אַף אַלע פיר האָט זיך רעדאַקטאָר שטיין געלאָזט קריכן, אַריבער דעם ברוק, צוגעקראָכן צום קעגניבערדיקן טראָטואר, אריין אין צווישנגעסל און אוועק, פאַרשוואונדן.

בינגל באַ טויער האָט זיך רירן גענומען. גענומען פאַמעלעך ציטערנדיק אַרומקוקן זיך, זיך פאַנאַנדערגיין. טשערנסאָן איז אַוועק מיט שכײנישער גאַס אהין, וואו ערשטער אַריינגעפלויגענער האָט אַוועקגעיאָגט.

אין אָנהייב גאַס יענער, באַ האָטעל, פון וועלכן ס׳איז נעכטן לעצטער קאָזאַק אַוועקגעגאַן, האָט דער גראָבער שווייצאַר פון האָטעל עפּעס אַ פאַרשוין באַ הענט געריסן, געשלעפּט מיט זיך:

— איצט וועסטו זיך שוין ניט אויסדרייען! קאַפּוט!

דער פאַרשוין האָט זיך געריסן, זיך געבעטן:

— וואָס פאַר אַ קאַטאָוועסן טרייבסטו עס, וואָלאָדיאַ? הער אויף! וואָס פאַר אַ קאַטאָוועסן?

פון עק האָטעל-גאַס האָט שוין צוריק-געיאָגט דער פאַרפּאַליעטער מאַטראָס, און דער גראָבער שווייצאַר האָט צו אים מיט הענט געפאָכעט, גערופן:

— טאָוואַרישטש מאַטראָס!

דער מאַטראָס איז צו, מיט אלץ נאָך צעגליטע אויגן, מיט פאַרשוויצט פּאָנעם, אף פערד אין שוים.

— טאָוואַרישטש מאַטראָס!... פּעטליוראָוועץ!...

דער פאַרשוין האָט זיך געריסן פון שווייצאַרס הענט, געטרייסלט זיך און געבעטן:

— ער טרייבט קאַטאָוועס, טאָוואַרישטש מאַטראָס! מיר זיינען צעקריגט מיטן כאַווער וואָלאָדיאַ, וויל ער זיך צערעכענען מיט מיר, ער טרייבט קאַטאָוועס, כאַווער מאַטראָס!

— הינטיש בלום! פּעטליוראָוועץ!? אַף די קני!!

און רעוואָלווער, וואָס האָט ערשטער גופגעשניטן לופט איבער שטאָט. האָט זיך פון הייך אַ לאָז אַראָפּ געטון אָקעגן פּאַרשוין.

ס'האָט געמאָרדעוועט מיטן פּאַרשוין; די אויגן האָבן זיך באַ אים אָפּגעשטעלט, ער איז אומגעפאַלן אַף די קני, ער האָט זיך געוואַלגערט און האָט געסלונעט און האָט געבעטן:

— טאָוואַרישטש מאַטראָס!

אָנגעבויגן האָט זיך עטווּס דער מאַטראָס. אַ קוק געטון אין פּאָנעם אַריין דעם פּאַרשוין, אַ שפּיי אים אין פּאָנעם געטון:

— הינטיש בלוט!

און — קנאַל!

דער פּאַרשוין האָט זיך אַ קער איבער געטון, האָט זיך אַ קייקל געטון.

— אוי! אוי, אוי...

אָנגעבויגן האָט זיך ווידער דער מאַטראָס און אַ היפּע, אַ לאַנגע, אַ קלינגענדיקע ארויסגעלאָזט:

— Христа—Бога-- мать!

און צווייטער קנאַל, און דריטער קנאַל און — אַוועקגעיאָגט.

געבליבן איז טשערנסאָן שטיין אַף יענעם ווינקל. לעבן פּאַרשוין אויסגעשפּרייטן אין קאַלוזשע בלוט, געבליבן און געזען, ווי פון אַלע זייטן פליען זיך צונויף אין מיט שטאָט ערשטע רייטער אַריינגעפלויגענע, ווי פון יענעם עק שטאָט, וואו טורמע, גייט אַ מאַכנע אין ווייסע מאַלבושים, און אַ לאַנגער באָכער גייט פונפאָרנט, און פון אַ צווישנגעסל לויפט ארויס אַ כאָפּטע ווייבער און פאַטשט מיט הענט אַנקעגן מאַכנע. ס'לויפט איין ווייבל צו צום באָכער, וואָס פונפאָרנט, פאַלט אים אַפן האַלז, קושט אים און לאַכט, ס'הילכט איר געלעכטער אַף ליידיקער גאַס:

— פּאַיע! פּאַיע!

געקוקט האָט טשערנסאָן פון ווינקל, געקוקט און געהערט.

ס'איז די שטאָט-גאַנאָווים, די גרעסטע שטאָט-גאַנאָווים, די טורמע איז אָפן. פּאַיע האָט געקושט זיין ווייבל. און גאַנצע מאַכנע אַרום האָט פריילעך געלאַכט:

— וויבער, אַהיים! מיר האָבן נאָך היינט אַ שטיקל אַר-
בעט... אַהיים!

און איילנדיק און לאַכנדיק האָט זיך מאַכנע אין ווייסע מאַל-
בושים געלאָזט אראָפּ אין שטאָט אריין.

ס'האָבן זיך שוין אין שטאָט טירן אופגעעפנט, און ס'האָבן
זיך שוין רעדלעך גענומען באַוויזן. ס'איז שוין פון ברוק, אַרוף
קרומען בארג, מיט געזאַנג און מיט רויטער פאָן פונפאָרנט אַ
רייטער-טייל געפאָרן. טשערנסאָן האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געגעבן
אַף פאַרשוין, אויסגעצויגענעם באַם האָטעל: ער איז געלעגן, דער
פאַרשוין, איינגעקאָרטשעט, מיט פאָנעם פאַרקרימטן, און לעבן,
מיט דאַשעק אין קאַלוזשע בלוט, איז זיין היטל געליגן.

אוילעם איז שוין ארום דעם פאַרשוין, און אַן אַלטע גויע
האט זיך געציילעמט און מיטן קאָפּ געשאָקלט:

— וואָס וועט זיין מאמעניו זאָגן, די מאַמעניו?...

אַוועק איז דאַן טשערנסאָן צום קלוב, לעבן שטאָט הויז, צום
קלוב „אין נאָמען פון פיאָנטן און אורבאַיען". ס'ויינען שוין דאָרט
אין קלוב טאָמאַש און כאַיעט און טשאלי און גאַנצע כעווריע
פאַרטון-צעהיצט געווען, גערופן די פאַריינען, גערופן די אַגראָ-
נאָם-שול אַרויסגיין אַף באַגעגענען די רויטע טיילן. ס'איז שוין
רייטער-טייל באַם שטאָטהויז געשטאַנען, אַ הונדערט פויערישע
יונגען אַף פייערדיקע פערד, און ארום אַף טראָטואַרן האָט שוין
אוילעם, וואָס איז פון דירע אַרויס, געקוקט:

— אָט-דאָס זיינען זיי, די „גרויסע"...

און די אַגראָנאָם-שול איז אָנגעקומען, פון אירע דירעס אונ-
טער גאָרטן טיפן — מיט מוזיק געקומען. און הונדערט פויערישע
יונגען אַף פערד האבן געזונגען:

— „Вставай, проклятьем заклейменный"...

און אוילעם, וואָס האָט גאַס און גאַסן פאַרפלייצט, האָט „הוראַ,
רויטע אַרמיי"! געשריגן, און מוזיק האָט געשפּילט.

לעבן טשערנסאָנען, צוגעקוועטשטן צו וואנט פון שטאָט הויז,
איז שוין ווידער געשטאַנען דער רעדאַקטאָר שטיין, געשטאַנען

און געשמייכלט פון געשטופלטן סאָמאָשן, וואָס פירט אָן פון שטאָטהויז-באַלקאָן מיט באַגעגעניש.

— כאָווייריס רויטאַרמייער! — האָט הייזעריק געשריגן טאָ-מאָש, — כאָווייריס רויטאַרמייער, די אַרבעטער-באַפעלקערונג פון אונזער שטאָט, וואָס באַפרייט האָט איר זי פון דער הײדאַ-מאָטשינע, באַגריסט די העלדישע רויטע אַרמיי, וואָס גייט אַראָפּ-וואַרפן דעם יאָך פון קאַפּיטאַל אַף דער גאַנצער וועלט!...

— הוראַ! — האָט װילעם געשריגן, און פויערישע אויגן אַף פערד האָבן ווידער געזונגען:

— «Вставай, проклятьем заклейменный»...

— לאָז דורך, לאָז דורך, טשערנסאָן! — האָט רעדאַקטאָר שטיין אַ שלעפּ געטון טשערנסאָנען, וואָס האָט זיך פאַרקוקט אַף פענעמער פויערישע, אַף פערד, אַף טראָטואַר מיט אוילעם אָנגעשטאָפּטן.

ס׳האָט זיך דער אוילעם לעבן פאַנאַנדערגערוקט, און אַ דריי באָכורימלעך האָבן עפּעס איינעם אַ הויכן אין אַ לאַנגער גרויער פּאַפּאַכע דורכגעפירט, צוגעפירט אים צו טירן פון שטאָטהויז און אַריין מיט אים אינעווייניק. איינער פון די באָכורימלעך איז אין עטלעכע רעגעס אַרום אַרויס, צו צום יונג, וואָס שטייט פונ-פאָרנט רייטער-טייל, יונג מיט פּאָנעם פאַרגליווערטן, און אים שטיל געפרעגט. דער עלטסטער פון רייטער-טייל האָט עפּעס אָן ענטפער געטון, און דאָס באָכערל איז צוריק אריין אין שטאָטהויז.

ס׳האָט פון באַלקאָן גערעדט סטאָג.

— די „הײדאַמאַטשינע“ איז ניט די באַוועגונג פון אוקראַי-נישן פּאָלק! דאָס אָרעמע פויערטום, דאָס אוקראַינישע, איז מיטן אַרבעטער-קלאַס, קעמפט און וועט קעמפן פאַר דער אַלוועלטלע-כער סאָציאַלער רעוואָלוציע״...

פון אופגעעפנטער אַריינגאַנג-טיר האָבן די דריי באָכורים-לעך ארויסגעפירט יענעם איינעם. ער איז איצט געווען, דער איינער, אין הוילע, ווייסע, ציכטיק-גלאַנצנדיקע גאַטקעס, מיט קאָפּ אַראָפּ איז ער געגאַן, און אָפן קאָפּ האָט זיך לאַנגער „אָסע-

לעדעך" געבאַמבלט. מ'האָט איס צוגעפירט צום עלטסטן פון רייטער-טייל.

סטאָג האָט געענדיקט:

„און פאַר קיין שום סאָנים האָבן די אַרבעטער און פויערים ניט מוירע! די רויטע פאָן וועט די גאַנצע וועלט באַזיגן!"...

און געשפּילט האָט מוזיק, און דער יונג, וואָס פירט אָן מיט רייטער-טייל, האָט גלאַנצנדיק רעוואָלווערל פון אונטערן פאַס אַף רעקל אַרויסגענומען, קאַלט אַ קוק געטון אַפן צוגעפירטן:

— באַווייז די פּאַפּירן!...

באָכורימלעך, וואָס האָבן דעם איינעם אַרויסגעפירט, האָבן עלטסטן עטלעכע פּאַפּירלעך דערלאַנגט. ער האָט, דער עלטס-טער, פּאַמעלעך, אַף אַ קאָל איבערגעלייענט:

— Олекса Чобачук, Старшина першого куреня...

און מער ניט געלייענט. רעוואָלווערל אָנגעצילט, געצילט עט-לעכע אויגנבליקן, גלייך, אַנקעגן, אין קאָפּ אַריין.

געשטאַנען איז טשאָבאַטשוק אין גאַטקעס ווייסע, אַ געליים-טער, מיט קאָפּ אַראָפּ, מיט אויגן שוין ניט-היגע, און אַז ס'האָט אַ קנאַל געטון, האָט ער זיך אַ וואַלגער געטון, אַ צאַפּל געטון און ליגן געבליבן. מיט לעכעלע רויכערדיקס אין קאָפּ, מיט פּיס, מיט איינער צו אַריינגאַנג אין שטאָטהויז, מיט צווייטער צו אַראָפּ פון גאַס, צו בולוואַר, צו ראָטהויז און צו קרומען באַרג.

— דעגענעראַטן, — האָט געזאָגט דער רעדאַקטאָר שטיין.

אַראָפּגעשפּרונגען איז דער יונג פון פערד, און טיר פון שטאָטהויז האָט אַ קלאַפּ געטון, און פונם באַלקאָן, וואָס אַפן דריטן גאָרן, האָט שוין דער יונג געדונערט:

— „... די רויטע אַרמיי וועט זיך אָנראַכמאָנעסדיק צערעכענען מיט אַלע סאָנים אירע. זי וועט ניט שוינען, זי וועט זיך פאַר גאָר-ניט ניט אָפּשטעלן. לעבן זאָל דער אַרבעטער-קלאַס! לעבן זאָל די סאָציאַלע רעוואָלוציע!..."

אַפן דאַך פון אַנקעגנדיקן צווייטשטאָקיקן הויז האָט כעווריע פּוצערלעך געקוקט, געשטופּט איינער דעם צווייטן:

— ווי געפעלט ער דיר? איאַ, אַ מאָלאָדיעץ?

כעווורע פוצערלעך איז אַף אָט דעם דאַך געלעגן און האָט אַראָפּגעקוקט אין מאַי 1917 און מאַרט 1918, אין אַלע, אַלע גרויסע געשעעניש-טעג פון שטאָט. אויך איצט האָט אוילעם אונטן געזונגען, געשריגן „הוראַ“, און כעווורע פוצערלעך אויבן האָבן געזונגען, געשריגן: הוראַ, הוראַ, רויטע אַרמיי!...

און דערנאָך האָט גערעדט כאיעט, און דערנאָך האָט גערעדט די לערערן פּאָפּאָוואַ, ס'האָבן נאָך גערעדט אַסאַך, אַסאַך. און אין די גרויסע זאַלן פון שטאָט הויז, באַ דיברייטע „דומע“-טישן, האָט מען דערנאָך ווארעמעסן געשטעלט, און 100 פּויערישע יונגען האָבן זיך אויסגעזעצט. ס'זיינען אַרומגעלאָפן איבער שטאָט דער ראַבינער מיט פּרזשעלסקין, און באַלעבאַטים פון שטאָט האָבן געגעבן.

— ס'זאָל גאָרניט ניט פעלן באַם וואַרעמעס, — האָט דער געשטופלטער טאַמאַש אָנגעזאָגט דעם ראַבינער און פּרזשעלסקין, און שטאָט האָט געגעבן.

ס'האָט שוין גענומען טונקל ווערן, און פון ווייטער זייטיקער גאַס פּריצישער איז מיט געיאָמער צו שטאָט הויז געלאָפן פּריצע אַלטע, און אוילעם באַ שטאָטהויז האָט געהערט:

— די גאַנאָווים, וואָס זיינען פון טורמע אַרויס, האָבן דעם מאַן אירן, דעם געריכטס-פּאָרשער, געשאָסן... פאַר אַלטע כעשבוינעס געשאָסן...

ס'האָט שוין גענומען טונקל ווערן, און טשערנסאָן האָט זיך געלאָזט מיט בולוואַר, אַראָפּ-גאַס, צו ר' בעריש מאַכלינס הויז, אין וועלכן ער וואוינט. ערשט איצט האָט ער זיך, טשערנסאָן, דערמאָנט, אַז קאָנווערט אין קעשענע וואַרט. ער האָט שנעל, שנעל דעם קאָנווערט אופגעריסן.

„... איך אַרבעט דאָ, אין גובערניע-שטאָט, מיט רעסאָעלן און מיט שלוימקען אין פּאַרטיי-קאָמיטעט. ראָליק גייט מיט די פּאַרטיזאַנישע טיילן און וועט אינגיכן זיין אין שטאָט באַ אייך. רעד זיך מיט אים דורך און קום צו פאָרן...

מאַרוסיאַ“.

ס'האָט זיך פון מיזרעך אַ דין וואָלקנדל געדוקט אַף שטאָט, אַ דין, גרוי וואָלקנדל אין שקיע רויטס איבער גאַס-אַראָפּ, איבער ראַטהויז, איבער קרומען באַרג, איבער פעלדער. וואָס פירן פון שטאָט אַוועק.

— רעפאָעל, וואָס האָט ערשט מיט אַ יאָר צוריק, ווען ראַ־ליק איז מיט 70 בעווערע אַף מאַסע-וואַגן אין שטאָט אַריין, גע-טאַינעט, אַז „אַ סטאַנעקל... אַ סטאַנעקל טראָגט ער נאָך מיס-טאַם, ראַליק, — רעפאָעל, וואָס איז ביזן 17-טן יאָר אַף קאַטאָרגע געווען פאַר אַנטייל נעמען אין טיסן דעם מיניסטער, — רעפאָעל אויך? און שלוימקע דאָס האָרבאַטינקע, אויך?

אין קאָרידאָר פון ר' בעריש מאַכלינס הויז האָט טשערנסאָ-נען ר' בערישעס לעבעדיק 10-יאָריק פריידעלע מיט קוויטשיק ציוריכער קעלעכל באַגעגנט:

— איזאַק, איך בין שוין אַ באָלשעוויסטן!...

זי האָט אים באַ די הענט אָנגעכאַפּט און געשלעפּט אים מיט זיך צו זיי, צו ר' בעריש מאַכלינען אין שטוב אַריין.

אין ר' בעריש מאַכלינס שטוב זײַנען אין ווייכע שטולן באַם טיש, באַ טיי און באַ צובייסעכטס, געזעסן צוויי באָרוועסע פּויערים-יונגען מיט צעכראַסטעטע העמדלעך. זיי האָבן געקייט, זיך אַלע-מאָל אַרומגעקוקט אַף דער שטוב, אַף זאַכן און אַף מענטשן אַרום אין שטוב און געקייט.

— מיינסט, ס'איז די ערשטע פּאָר? — איז צו ר' בעריש, — ס'איז שוין די פינפטע. זיי פּאַלן אַלע אַריין מיט איינע און די-זעלבע דיבורים: „וועטשערע"!...

און שטילער, טשערנסאָנען, איבערן אויער:

— זיי זייגען דאָך, נעבעך, באָרוועס און הונגעריק, דיינע!...

ס'איז שוין אָפּדערנאַכט געווען איבער שטאָט, ווען טשערנ-סאָן האָט זיך צוריק אין גאַס אַריין געלאָזט. אין קאָרידאָר איז בינטל שכיינים געשטאַנען, און ר' בעריש מאַכלין האָט ווידער דערציילט, ווי אַזוי ס'האָט אויסגעזען יענער גרויסער פּאַרשוין,

מיט וועלכן ער האָט אין ציוריך אין פאָלקס-הויז באַ איין טיש קאָווע געטרונקען.

— גיי זיי אַ גאָווי, אַז דאָס פאַרשווינדל וועט ווערן קייסער אין ראַסיי!...

אַף ווענט פון שטאָט זיינען שוין פרישע מעלדונגען געהאַנ-גען. איינע אַ מעלדונג, אַז „די קרימינעלע פאַרברעכער, וואָס זיינען פון טורמע אַרויס, זאָלן זיך פרייוויליק אומקערן אין טור-מע אַריין. די, וואָס וועלן זיך אין מעשעך פון 3 טעג ניט אומ-קערן, וועלן, ווי נאָר מע וועט זיי פאַקן, געשאָסן ווערן אַפן אָרט...“. געכאַסמעט אַף דער מעלדונג — טאָמאש, כאַיעט, סטאָג.

און אַף הויפט-גאַס האָט שוין שיקערלעך אַרומגעשפאַנט מאַט-ראָס, וואָס איז ערשטער אַריין אין שטאָט. ער האָט פאַרבייגיי-ענדיק מיידל באַ ברוסט געריסן און איר אין פאָנעם אַריין מיט בראַנפן געבלאָזן:

— פאַם-פאַם-פושעטשקאַ-!...

אַף הויפט-גאַס האָט טשערנסאָנען באַגעגנט באַליאַס.

— קומט, טשערנסאָן, אַף דער זיצונג פון רעווקאָם, ס׳אָר-גאַניזירט זיך די מאַכט!...

II

געפראַוועט האָבן אין שטאָט כעוורע פון אַרבעטער-קלוב, אַר-בעטער-קלוב „אין נאָמען פון פיאָנט און אורבאַיען“, טאַקע די כעוורע, וואָס ערשט פריער מיט אַ כוידעש האָט דעמענקאָ, דאָס גאַליציאַנערל, נאָך פאַראַד אַף קלויסטער-פלאַץ פון אַווטאָמאָביל פאַרב יפליענדיקן זיי אַ געשריי געטון:

— פאַרביקי!...

און קלייטן אין ראָטהויז האָבן אַלץ געיאָנטעוועט און גע-פוסטעוועט. און מיינסטנס כאַיעל איז שוין פון שטאָט ווייטער אַוועק — אַ האַלבע מייע בלויז איז אַף באַשיצן שטאָט פאַרבליבן. און באַלעבאַטים פון שטאָט זיינען אַף גאַסן באַ לאַנגע קאָנטרי-

בוציע-צעטלען געשטאַנען, און דער ראַבינער איז אין שטאָטהויז פון כאַיעטן דעם דרוקער ניט אָפּגעשטאַנען:

— כאַווער כאַיעט, ס'איז דאָך אָבער צופּיל. די שטאָט איז דאָך ניט בעקויעך!

און כאַיעט, יאַנקעוו-יאָסי דעם שניידערס באָכער פון באַל-מעלאָכע-געסל, האָט דעם ראַבינער געטריבן פון זיך, געקלאַפּט אין טיש, געשריגן:

— אין דריי טעג אַרום זאָל די גאַנצע סומע אָט-דאָ אַפן טיש אַוועקגעלייגט ווערן!...

און יאָנטעוו ל'יידיקגייערישער האָט זיך איבער שטאָט געשפּרייט, זעט אויס, אַפּלאַנג, גאָר אַפּלאַנג האָט ער זיך, יאָנטעוו, צע-שפּריים. און רעדלעך האָבן פון פרי ביז נאַכט באַ ווינקלען גאַסן געוואָכט. און באַ שטאָטהויז, באַ „רעווקאָם", האָבן בוי-אַרבעטער אַרויסגעקוקט אַף אַרבעט, וואָס רעווקאָם זאָגט צו. און כאַזער-ניקעס פון פאָרשטאָט האָבן זיך מיט כשאַד-אויגן אַרומגעדרייט אַרום שטאָטהויז, צוגעקוקט זיך צו נאָווינע, צו בייז-וואונדער פרישן אַף שטאָט אַראָפּגעפאַלענעם. און דער געשטופּלטער טאָמאַש איז צעיאָגט אַרומגעלאָפן,מיט סטאָגן און מיט טשאלין און מיט פּאָפּאָווען גענומען זיך אַנשטאַלטן באַ רעווקאָם עפּענען.

— ניט קיין קלייניקייט, אַ מעלוכע-זאַך! — האָט געלאַכט רעדאַקטאָר שטיין, אַרומשלעפּנדיק זיך איבער שטאָט.

אַף הויפּט-גאַס האָבן גאַנצע טעג שיקער אַרומגעטאַנצט דריי יונגען, פאַרבליבענע פון די אָנגעקומענע טיילן. געווען צווישן די דריי יעגער מאַטראָס, וואָס איז ערשטער אַריין אין שטאָט. ער איז געווען צווישן זיי דער שיקערסטער, דער ווילדסטער, און ווייבער באַ בודקעס אַף גאַסן האָבן, דערזעענדיק אים פונווייטנס בודקע געלאָזט און געלאָפן, ווי פאַר פייער.

— ס'גייט דער אומגליק!

און דער אומגליק, אַ צעפּאַטלטער, אַ צעשאָקלטער, אַ פאַרסלו-נעטער האָט בודקע, אַלץ, וואָס אין בודקע, געבראָכן:

— און געבראָכן. — Христа Бога—Мать.

און אַ טעווע האָט ער זיך געהאַט, דער אומגליק: אין מיט גאַס באַ פאַרשפאַרטער קלייט, קעגן אוילעם און קעגן זון, זיך זעצן און פלודערן ברייטע, שוואַרצע, מאַטראָסישע אַראָפּגעלאָזן.

גאַס פלעג דעמאָלט זיך צעיאָגן, אַוועק, אַוועק, און ער פלעג זיך רואיק, געלאסן—געלאסן אָפּוּיצן אַ פערטל שאָ, אַ האַלבע שאָ, און זיינס אָפּטון באַ קלייט פאַרשפאַרטער...

געסעקרעטאַרירט האָט טשערנסאָן אין פאריין באַ די מעטאַליסטן, און מיטגעהאָלפן האָט טשערנסאָן באַליאַסן די שטאָט-מיליציע אָרגאַניזירן. ער האָט זיך, טשערנסאָן, קימאַט מיט קיינעם, אויסער באַליאַסן, ניט באַגעגנט זיך, איינגעשפּאַרט - געטריי האָט ער באַדינט פאריין זיינעם, וויפל מע דאַרף און ווי אַזוי מע דאַרף געשמועסט מיט יעדן אַרבעטער, שטייף געקוקט אַף יעדן באַזוכער און שטייף געהערט.

— איז דאָס טאַקע, ברודערל טשערנסאָן, אַף דער רעכטנעמעטן?

דאָס מעטאַליסטל פון דער סלאָבאָדקע האָט דאָס פּאָנעם פאַרקרימט אין אַ שמייכל, און ניט צו דערגיין, צי פרייט אים איבער ס'איז אַף דער רעכטנעמעסן, צי ס'ארט אים. נאָר טשערנסאָן האָט אים איבער פּלייצע געפּאַטשט, געשמייכלט אים אנקעגן:

— טאַקע אַף דער רעכטנעמעסן, ברודערל מאַטווייענקאָ!...

און אין שטאָט-מיליציע אַריין האָבן זיך פון אַלע אונטערגעסלעך פון שטאָט באַכורימלעך אַ לאָז געטון. טשערנסאָן האָט זיי אויסגעפרעגט וואָס, ווער, ווען, זיי אין צעטלען פאַרשריבן, זיי ביקסן געגעבן און באַ יאַס האָט זיי אונטער שטאָט שיסן געלערנט.

טירן אין שטאָט זיינען אופגעמאַכט געווען ביז פאַרנאַכט, נאָר רויגעז שטילער מיט פּיכער שטילן האָבן אַף גאַסן אַרומגעשפּאַצירט.

ניט אָפּ...ג איז עס און ניט צו גוטן ...יט עס, ניט צו גוטן!...

ר' בעריש מאַכלין האָט זיך גאַנצע טעג געקריגט מיטן ווייב, און אַלע שכיינים אין קאָרידאָר האָבן געהערט, ווי ער שרייט:

האָסט דאָך דאָ מיט ר׳ שאיען, דעם ארענדאטאָר אונזערן, בעאייס כ׳בין ניט געווען, ארומגעוואלגערט זיך, נאפקע !...

און עלטערע טאָכטער זיינע האָט זיך געפּרואווט אים איינ-שטילן, און פריידעלע האָט געוויינט, און ער האָט אַלץ געשריגן.

איז געוואָרן פונקט אַ וואָך זינט געסט פרישע אין שטאָט, איז געווען אפדערנאַכט, און אין קלוב, וואָס אין נאָמען פון פּיאָנטן און אורבאיען, איז א פייערונג געווען.

הויך, איבערן פּאָרהאַנג, איבער דער בימע פון קלוב איז אין גרינס געהאנגען לענינס בילדל, און פון איין זייט פּאָרהאנג — פּיאָנט, און פון דער צווייטער זייט אורבאי.

ס׳איז געווען טיף אפדערנאַכט, און שטאָט האָט שוין צו-געשפּאַרט אירע טירן, און איבער הוילע גאַסן איז געגאַן אין הימל-לויטער א טיפע לעוואָנע. אין קלוב זיינען זיך צונויפגעקו-מען אַלע, וואָס האָבן אַ שאַיכעס צו געסט אין שטאָט. איבער ליידיק פון גאַסן, איבער שטום-שווייגעניש אַף ליינג און ברייט שטאָטישער האָט קלוב מיט העל-באַלויכטענע פענצטער, מיט יאָנטעוו-גרינס, מיט יאָנטעוו-פּאָנעם און יאָנטעוו-קלייד אויסגעזען, ווי אינזעל מיט לייכט-טורעם אין יאַם הוילן. אַז די מוזיק האָט זיך צעהילכט, אז אלע זיינען אופגעשטאַנען, אַז אַלע האָבן זיך צעזונגען :

— Вставай, проклятьем заклейменный
Весь мир голодных и рабов..

האָט עס אויסגעזען, ווי אַ קיטן, אַ סעקטע אַ קעמפערישע, אַ פּאַרצייטיקע וואָלט איר אוואוידע געפּראַוועט אין אַרומרינג-לונג פון באַפעלקערונג פרעמדגלויביקער.

אין פּאַרשפּאַרטע דירעס האָט באפעלקערונג זיך איינגעהערט:

— די „גרויסע” זינגען...

און קינדער האָבן באַקאנטן ניגן טייקעף אונטערגעכאפּט, אין צימער, וואו אַף סאָפּקעס, אַף ביינק און ביינקלעך אַרום טיש — שכיינים צונויפגעקומענע, האָבן קינדער אונטערגעזונגען :

— Вставай, проклятьем заклейменный
Весь мир голодных и рабов..

אין איינער פון רייען, נעענטערע צו בימע, איז טשערנסאָן געזעסן לעבן באַליאַסן, מיטגעזונגען, געקוקט אַף בילדער, וואָס הויך אַנקעגן, און מיטגעזונגען.

— יענער באַטאָג אין 1917, ווען מארוסיא באַקאַנט מיט פּיאָנטן און בעאייס לאַנגן שפּאַציר אין גאָרטן היצט זיך פּיאָנט, אַז קיין אַנדער גאַנג איז ניטאָ, היצט זיך און דע־ציילט וועגן קוילנגריבער, וועגן שוויק־שאַפן אין יאַנקי־לאַנד, וועגן אַלדאָס־בייז, וואָס ער, פּיאָנט, האָט מיט אייגענעם לייב און לעבן דורכגעמאַכט... און יענער אַפּדערנאַכט אין 1917, ווען אורבאַי, מעטאַליסט פּעטערבורגער, צעטרייבט מיט רעדע גליענדיקער אוילעם סאָלדאַטן, וואָס באַלאַגערן קלייט, אידן פאַרשפּאַרטן אין קלייט... און יענער דעקאַבר־פאַרנאַכט, ווען אין זאַל פון שטאָטהויז פּליט עסאַאול טריפּאַל אריין און רופט זיי ארויס, און מיט קוילן אַף דיל בלייבן זיי ליגן... און איצט ליגן זיי ביידע, באַ פעלד, אַף צווינטער „פייגעריוועקע״ ליגן זיי ביידע, פּיאָנט מיט אורבאַיען, און נאָענט לעבן זיי — „מעשטשנאַסקע״ פּאָרשטאָט, כאַזערניקעס־מעלוכע. און אָט זינגט מען דאָ... און מאָרגן...

מ׳האָט פון דער בינע וועגן דער צווישנפעלקערלעכער לאגע גערעדט, גערעדט האָט סטאָג.

— קום! — האָט באליאַס אַ צי געטון טשערנסאָנען.

זיי זיינען דורך פאַרביי די רייען, באַ ארויסגאַנג־טיר האָט זיי דער געשטופּלטער טאָמאַש איבער די פּלייצעס אַ פּאַטש געטון.

— וואוהין איז, כאַווייריִם?

מיט זייטיקן גאַנג, דורך א הינטער־טיר האָט באליאַס ערגעץ געפירט. דורך טרעפּ פינצטערע, אַ־אָפּ, אַראָפּ, ביז לעצט טרעפּל און טיר אָפענער, ביז ברייטן פירעקעכיקן „פּאָזשאַרנע״־הויף.

העל־באַלויכטן פון לעוואָנע געוועזן „פּאָזשאַרנע״־הויף, אין איינעם פון ווייטסטע ווינקלען זיינע האָבן זיך עטלעכע פאַרשוינען באַ עפּעס געפּאָרקעט. אז צו נעענטער: א פינף אַרמייער שרויפן אוף, שרויפן איין ביקסן ווייערע.

— מירן צוּוואַרטן,— האָט געזאָגט באַליאַס.

און אין אַ רעגעס פינף אַרום האָט זיך אין ווייטן טויער אָפּגעעם באַוויזן א בינטל מענטשן. און אז צו צו יענעם ווינקל, וואו די אַרמייער: א בינטל מענטשן, א מאַן 7, געבונדענע. צווישן זיי: פּאַיע — דער גרעסטער גאַנעוו אין שטאָט פּאַיע. צווישן זיי: דער מאַטראָס. ערשטער קנאַלנדיקער מאַטראָס אין שטאָט.

מ'האָט די געבונדענע באַ די נעמען אויסגערופן, און אין ווייטסטן טונקלסטן ווינקל פון „פּאָזשאַרנע־הויף" האָבן זיי זיך מיט פּאָנעם צו וואַנט אַוועקגעשטעלט, און אַרמייער האָבן ביקסן צוגעגרייט, אַרמייער האָבן ביקסן אָנגעשטעלט.

נאָר פון וואַנט האָט זיך פּלוצים איין פּאָנעם אויסגעדרייט, אַ גוף האָט זיך אַ שליידער געטון אַף שטיין:

— בראַטיקי!!

ערשטער קנאַלנדיקער מאטראָס אין שטאָט האָט זיך מיט קאָפּ געקלאַפּט אין שטיין פון „פּאָזשארנע"-הויף.

— בראַטיקי!!

מ'האָט אים אופגעהויבן, מ'האָט אים צוריק צו וואַנט אוועקגעשטעלט, האָט ער זיך אַ ר ס געטון און, פאַרבונדערנערה־יט — פלי, פלי איבערן הויף.

מ'האָט אים נאָכגעיאָגט, ער האָט זיך אויסגעריסן און איז ווייטער געלאָפן ארום און ארום הויף, פּ גרביי הויכע ווענט פון הויף. אי, ווייטסטן, קעגנביבערדיקן ווינקל האָט מען אים סאָז־קאָלסאָף געפּאַקט. א שטומער און אַ פאַרכאַלעשטער איז ער שוין געווען, און צו וואַנט, צום גאַנצן בינטל האָט מען אים געבראַכט:

— מיר קאָנען גיין, — האָט געזאָגט באַליאַס.

באַם אריבערט עסן די שוועל פון היגטערכיר, וואָס פירט צוריק אין קלוב אַריין, האָבן זיי פּלוצים דערהערט הינטער זיך אין הויף געזאנג זיי האָבן די קעפּ אויסגעקעקעוועט און דערזען: אין טונקעלן ווינקל פון „פּאָזשאַרנע"-הויף, אין בינטל געבונדענע באַ וואַנט שטייט מיט פּאָנעם געווענדעט קעגן אָנגעצילטע ביקסן

מאַטראָס, און זיין מויל איז צעעפנט, און קעגן לעוואָנע, ארופגע-שוואומענער איבער „פאָושאַרנע״-הויף, זינגט ער:

— Вставай, проклятьем заклейменный
Весь мир голодных и рабов..

אַז זיי זיינען צוריק אין קלוב אַריין, האָט פון בימע גערעדט טאָמאַש:

— כאַווײרים! מיר האָבן, צום באַדויערן, איצט זייער א קליינע מיליטער-טייל אין שטאָט, און צו שטאָט קומט צו א מעכ-טיקע באנדע. ווען מיר, הייסט עס, מוזן פאַרלאָזן די שטאָט אַף אַ וואָך צייט! מאָרגן וועלן מיר ארויס פון שטאָט, נאָר אין א וואָך אַרום וועלן מיר זיין צוריק!... מע דאַרף אכטונג געבן, אַז אונזער אָפטרעטן זאָל פאָרקומען אין פאָלקאָמער אָרדענונג!...

שטאָט האָט פון גאָרניט ניט געוואוסט. ערשט אינדערפרי האָבן זיך פורן צעטראַכקעט, רייטער צעטופעט. און אוועק איז אַ טאָג פון געלויף אין שטאָט.

ביז 2 באטאָג זיינען „גרויסע״ געגאן, געריטן, געפאָרן, מיט גאַס אַראָפ, צו מארק, צו קרומען בארג, צו פעלדער, וואָס פירן פון שטאָט אַוועק.

און שטאָט האָט ניט געוואוסט: וואו איז איצט בעסער צו באַהאלטן זיך, — אין אידישן שפּיטאָל אף דער אַלטער שטאָט, צי אין זעמסקי שפּיטאָל אף דער נייער שטאָט? איז אַלטע שטאָט געלאָפן אַרוף, איז נייע שטאָט געלאָפן אַראָפ, — בעבעכעס, קינ-דער און קוישן, געלויף און פאָרכט אין אויגן צעשוואומענע.

די גאַנצע שטאָט-מיליציע האָט די שטאָט פאַרלאָזט. דאָס באָכערל, לייע די שאַמעסטע, באליאס געהילף, האָט אף פורל מיט 3 קוילנוואַרפער שמיידיק דורכגעיאָגט זיך אַראָפ. באליאס האָט בא ווינקל מארק און בארג מיט טשערנסאנען גזעגנט זיך, צעקושט זיך, די הענט געדריקט און איז שנעל אַוועקגעפאָרן אַראָפ צו דעם בריק. טשערנסאָן איז נאָך געשטאַנען עטלעכע רעגעס, גזועען, ווי לעצטע פויערישע יונגען אַף פערד אַנטלייען

נייגערס בא דורכלויפנדיקע אידן, און זיי יאָגן אויך פייל-פון בויגן אַוועק.

אין ר' בעריש מאכלינס הויז האָט מען זיך בא אַריינגאַנג-טיר געפּאָרקעס, זי מיט נייע פרעניטעס באשלאגן. אַלע שכיינים זיינען געשטאנען און שטום צוגעקוקט. יאַנקל, ר' בערישעס אַמאָליקער מעשאָרעס, וואָס וואוינט איצט אין קאָרידאָר מיט ווייב און קינד, יאַנקל האָט מיט דער אַרבעט אָנגעפירט, און לייב ציקאנער, דער קאַנטאָר פון דער כאָראלער שול, האָט אַכטונג געגעבן, מיט איי-צעס מיטגעהאלפן:

— אָט — דאָ, אָט — אָ — דאָ נאָך, יאנקל!

און שטאָט האָט ניט געוואוסט: גרויסער אומגליק רוקט זיך צי קלייניקער? אויסגעצויגן האָט זי זיך, שטאט, אַ שעפּס אַ געפאַלענע, — פעלד, דו, דאָרט אין פעלד, קום טו, וואָס דו ווילסט!...

און אַפדערנאַכט איז אפסניי אַ שניי אויסגעפאַלן, און אַרום האַלבע נאַכט האָבן פאַרשפאַרטע דירעס דערהערט: סע קוויטשעט א גאַס. איינע פון די גאַסן אַרום קלויסטער, אַרום בולוואַר, אין שניי, קעגן הימל און כמאַרעס, קוויטשעט, און ביז גרויסן טאָג האָבן פארשפארטע דירעס מיט נעשאָמע געפּאָכעט, און אינדערפרי האָבן זיך דינינקע שפארינעס אין טירן געעפנט, און מויל צו מויל, טיר צו טיר האָט איבערגעגעבן:

30 „טשיפּעקעס" אין שטאָט, די גאַנצע קלויסטער-גאַס באַ-נומען. און אַלץ: לעכל, גאָפּל, זייגערס, סאמאָווארן, אַלץ...

— נו, און הארוגים?

— זיי האַרגענען ניט —

— דאַנקען גאָט, דאַנקען גאָט, זיי הארגענען ניט!...

און פארביי פארשפארטע דירעס האָבן זיך טשיפּעקעס אַ גאַנצן טאָג געשליטלט, אינגדרייען, איינפירען אַף אַ שליטל, מיט קעפּ פאַרוואָרפענע, אַרומגענומענע, איינעמס הענט אף צווייטנס קאָפּ, שיקער געזונגען איבער פוסטער שטאט.

און אַז אפדערנאכט איז געפאַלן אין שניי, האָט ווידער געקוויטשעט א גאַס, אַן אנדער גאַס, לעבן בריק. ר' בעריש

מאַכלינס הויז איז בא לאָדן פאַרפרעגטעטע געשטאַנען און געהערט: פון קוילעס, וואָס קומען פון אונטערן בארג, טיילן זיך אויס, גייען איבער די איבעריקע צוויי — אַ הויכס, א שטאַרק-קווינטשיקס — א ווייבערשס, און א דין-דין קלינגענדיקס, אַ קינדערשס.

און פארשפּארטע דירעס זיינען אַלע רעגע גרייט געווען באַ ערשטן קלאפּ טיר צעפראלן און געסט אַריינלאָזן:

— נא, נא, נא, נעם וויפל דו ווילסט, און וויפל דו דארפסט, און וויפל דו קאָנסט!...

און אינדערפרי האָט מויל צו מויל דורך טירן-שפּאלטן איבער-געגעבן:

— זיי הייסן עפענען טירן, אין גאַס ארויסגיין, מע מוז פאָלגן.

האָבן טירן געפאָלגט, און אַף גאַסן איז מען פון פארשפּאַרטע דירעס אַרויס. געלעגן הארבסט-שניי אַף גאַסן. און אז מע איז צו הויפּט-גאַס געקומען, האָט מען דערזעען: אַף סאַמע מיט הויפּט-גאַס, קעגן שטאָט-טעאַטר אף צוויי ביימער הייגגען צוויי, באָר-וועסע צוויי. מ'איז צו און מ'האָט געלייענט אַף ברעטלעך צוגע-קלאַפּטע צו יעדן הייגגענדיקן:

„— Василь Жук, за бандицтво“...

„Омелько Дяченко, за бандицтво“ ..

און יעדיע האָט זיך צעלאָזן איבער גאַנצער שטאָט:

— די „טשיפּעקעס“ האָבן צוויי זייערע אופגעהאַנגען. דער עלטסטער פון די „טשיפּעקעס“ הייסט שטאָט זאָל גיין קוקן.

און פאַרפלייצט איז געוואָרן הויפּט-גאַס, און שניי האָט גע-גלאַנצט קעגן זון, און פון אַלע עקן איז מען געגאַן, צוגעקומען, געקוקט אין די פּענעמער די צוויי, וואָס הייגגען: צוויי פויערישע יונגען, שקאָצימלעך. פארסטארטשעט זיינען זיי שוין, און די פּענעמער זיינען פארבלאָווט, און די פיס, די פינגער אַף די פיס — אין בלאָטע.

פול געווען הויפּט-גאַס, און אַף שניי גלאנצנדיקן קעגן זון האָט מיידל-אויג געשיינט, געשפּאנט האָבן מיידלעך פון פארשפּאַרטע דירעס באַפרייטע, געאַרעמט מיט באָכורימלעך פון דירעס פאַר-

שפּאַרטע, געשפּאַנט פּאַרביי שוין אָנגעקוקטע, גוט-אָנגעקוקטע שקאָצים היינגענדיקע און געלאַכט: זון איז שוין וואַרעם, און שניי ווּעט מאָרגן צעגיין, און אין הייך — און אין הייך פּלאַנעוועט זיך פרילינג.

טשערנסאָן איז געשטאַנען באַ דיביימער, געקוקט אַף דער לאַנגער גאַס, וואָס אַנקעגן ביימער ציט זי זיך ברייט אַוועק פון הויפּט-גאַס, פאַרביי סקווער, פאַרביי האָטעלן, פאַרביי הייזער, צו אָקזאַל, צו אויסער-שטאָט. וואָלקנדל שווימט אינדערהייך איבער דער גאַס, סע שווימט און סע צעגייט, און אונטער די צוויי, וואָס היינגען אַפן פּאָן פון דער גאַס:

— וואו האָט איר נעכטן, שקאָצימלעך, געהוליעט? וואו האָט איר נעכטן, שקאָצימלעך, פאַרבראַכט?

— איר זיינט טאַקע אַלץ בערויגעז, טשערנסאָן? ווייס איך וואָס, קומט!

רעדאַקטאָר שטיין געאַרעמט מיט דער פּאָטעסאָ „פּרינצעסאַ גריאָזאַ", דער לאַנגער, דאַרער פּאָטעסאַ „פּרינצעסאַ גריאָזאַ". וואָס דרוקט אַלע פרילינג און הארבסט לידער אין רעדאַקטאָר שטיינס צייטונג. — רעדאַקטאָר שטיין האָט געשלעפּט.

— זיינען זיי, הייסט עס, אונזעריקע אַף אַ „קאָנפערענץ" אַוועקגעפאָרן, טשערנסאָן?

דורכגעפאָרן שנעל-שנעל אַף אַ דראָזשקע אַ פּאַרשוין אין בלויע פּלודערן, אין אַ גרויסער גרויער פּאַפּאַכע, קוטשמע האָר האָט פון אונטער פּאַפּאַכע ארויסגעשטעקט. די דראָזשקע האָט זיך געהעצקעט און די קוטשמע האָט זיך געהוידעט, און אַף טרעפּל פון דראָזשקע האָט זיך געהוידעט און האָט עפּעס היציק גערעדט צום פּאַרשוין אין פּאַפּאַכע גאָלד, — דער באַרימטער שיקער, קאָרטנשפּילער און נויעף, דער רעדאַקטאָר פון דער צווייטער רוסישער צייטונג אין שטאָט, גאָלד, — האָט עפּעס היציק געטאַינעט מיטן פּאַרשוין אין פּאַפּאַכע.

— ס'איז דער סטאַרשינאַ סלוכאַי, זיי יאָגן אין דרוק אַריין, טעלעגראַמעט עקסטרע דרוקן, — האָט געזאָגט רעדאַקטאָר שטיין.

זיי האָבן זיך געשטופּט צווישן אוילעם אַף הויפּט-גאַס. פון אַלע עקן איז שטאָט געלאָפן קוקן, און א רויש איז געשוואומען איבער שטאָט.

— Идет весна... — האָט געזאָגט די לאַנגע, דאַרע פּאָעטעסאַ „פּרינצעסא גריאָזא“.

און אַף גאַסן ארום זייגען שוין גאַס-כעוורע, אינגאַטשלעך פלינקע מיט געשריי געלאָפן:

— טעלעגראַמעס! עקסטרע טעלעגראַמעס! אַף דער נאָענ-סטער באַן-סטאַנציע — פראַנצויזן! עקסטרע טעלעגראַמעס!

טשערנסאָנס צעלאָפענע אויגן האָבן זיך ווילד געטראָגן פון גאַס און פון פּענעמער ארוף צו זון וואַרעמער און צו אָפענע הימל-ברעגן איבער שטאָט. פון אומעטום, בא אַלע הימל-ברעגן האָבן זיך פאר זיינע צעלאָפענע אויגן געהויבן צווייַ פּענעמער פאַרבלאָוטע אין פיס. פינגער פון פיס אין בלאָטע. ס׳האָט אים געפּיבערט. ער האָט זיך געשאָקלט. און פלוצים איז הוילער בלייַ געוואָרן דער קאָפּ: גאַנצע שטאָט מיט שניי גלאַנצנדיקן קעגן זון, מיט גאַס און אוילעם אַף גאַס, גאַנצע שטאָט, ווי זי ציט זיך, האָט געטאַנצט, און גאַנצע נידער און גאַנצע הייך האָבן זיך צונויפגעגאָסן, צונויפגעדריקט, — גערוקט זיך צו איין הימל-ברעג, צעשפּאַרן, צעריסן דעם הימל-ברעג. און איבערן הימל-ברעג איז געשוואומען א דין באַגילדט וואָלקנדל, און צוויי לאַנגע, ביזן-הימל לאַנגע פּענעמער פאַרבלאָוטע האָבן אונטער וואָלקנדל גע-גליווערט, און מאַסע אָנפליענדיק: פון נידער און הייך, וואָס רוקט זיך, פאַרשלינגט דאָס וואָלקנדל. פאַרשלינגט פּענעמער און רוקט זיך גרויזאַם, שפּאַרט, רייסט דעם הימל-ברעג.

— ער כאַלעשט, ער כאַלעשט! — האָט געקוויטשעט די פּאָ-עטעסא „פּרינצעסא גריאָזא“ און געשלעפּט צו נאָענטער אַפּטייק.

נאָר טשערנסאָן האָט זיך שוין אין די הענט ארייַנגענומען. ער איז אוועק מיט גאַס אראָפּ פארביי בולוואַר, מוירע געהאַט די אויגן אופהייבן צום האָריזאָנט. אין קאָפּ איז שווער געווען, דער קאָפּ האָט געברענט.

באַ ר׳ בעריש מאַכלינס הויז איז געשטאַנען רעדל. יאַנקל, ר׳ בעריש מאַכלינס אַמאָליקער מעשאָרעס, האָט טשערנסאָנען באַ אַריינגאַנג־טרעפּ אָפּגעשטעלט:

— געזעען זיי, איציקל? איינער פון זיי איז דאָך יענער שקאָץ, וואָס האט באַ מיר א האַלבע שניט־קראָם געמאַזיקט... אַף מיין וואָרט, יענער.

און ער האָט געשטשירעט די ציין זיינע די ווייסע, און דאָס פּאָנעם האט באַ אים פון האַנאָע געשיינט, באַ יאַנקלען, ר׳ בעריש מאַכלינס אמאָליקן מעשאָרעס.

איז געוועזן אָפּדערנאַכט, און טשערנסאָן איז אין היץ געלעגן.

און אלע שכיינים פון ר׳ בעריש מאַכלינס הויז זיינען די נאַכט, ווי אלע נעכט, אוף געוועזן, ר׳ בעריש מאַכלין האָט דער־ציילט, ווי פיין און ווי לייטיש מענטשן זיינען אין א שטאָט א ווייטער, ציוריך. און יאנקל, ר׳ בעריש מאַכלינס אַמאָליקער מעשאָרעס, האָט זיך צעלאָזט און האָט געזונגען דאָס באַרימטע לידל „עי, סורקאַ, נע סמאָרקאַיסאַ וואַנאַוועסקו״, דאָס לידל, וואָס ער האָט געהערט אין מיניאַטור־טעאַטר, פון באַרימטן זינגער זינגערטאַל, בעאַיס דייטש, נאָך גוטע נעסיעס קיין לוצק, בעאַיס ער פלעג מיט ווייב און מ׳ט קינד גיין אין טעאַטר־מיניאטור אַלע שאַבעס־צונאַכטס.

און טיף אין דער נאַכט האָט זיך פּלוצים איבער שטאָט צע־בוכעט. פריער ווייט, ערגעץ אין דער פינצטערניש איבער ווייטע, הוילע פעלדער, איבער געדיכטע, פאַרצווייגטע וועלדער, איבער יאַרן טיפע, און דערנאָך נעענטער, אלץ נעענטער. ס׳האָבן זיך קייקלען פּליענדיקע צעהודעט איבער שטאָט, ס׳האָט געריסן און ס׳האָט געשמעטערט. פאַרשפּאַרטע דירעס האָבן זיך אַף זייערע גרונטן געשאָקלט און קינדער שלאָפלאָזע אַף סאָפקעס אין די־רעס פאַרשפּאַרטע האָבן געוויינט, צו מאַמעס זיך געטולעט און געוויינט.

צו סאָף נאכט האָט עס גאָר נאָענט, ערגעץ אין גאַסן באַ אַריינפאָר אין שטאָט מיט מעכטיקן הילך אופגעריסן, און אז

ס׳האָט שאריען געגומען, און אז מ׳זורעך-זון האָט זיך צערויטלט, האָט מען דורך פענצטער-שפארינע פון דירע-פארשפאַרטער גע-זען: אַף א וועגעלע, מיט צווי קוילנווארפער יאָגט דאָס באָכערל „לייע די שאמעסטע״ שמיידיק, שמיידיק איבער גאַס און אין פרי-גרוי אין שטאָט אריין.

און אז ס׳איז ליכטיק געוואָרן, האט מען געזעען:

פורן פאָרן, רייטער איילן זיך, און אף ברעגן טראָטוארן ליגן, שלאָפן, כראָפען מיט קעפ אין בלאָטע נאָך צעגאַנגענעם שניי יונגען, פויערישע יונגען מיט רויטע בענדלעך אף צעכראַס-טעטע העמדלעך.

ס׳הייבט זיך א פאַרשלאָפענע האַנט אוף, רוקט זיך אריין אין צעכראַסטעטן העמד און קראצט דאָרט, קראצט דאָרט לאַנג און גיט צוריק א פאַל, און כראָפּע טיפער הילכט אין גאַס.

און רעדלעך זיינען שוין אַרום הייזער געשטאנען, רעדלעך האָבן געשמועסט:

— זיי האָבן זיך אומגעקערט.. ראָליק איז דאָ אין שטאָט.

אין שטאָט-טעאַטר, אין דער גרויסער קאַמער, אין וועלכער מ׳האָט זיך אמאָל, אַמאָל, אין 5-טן יאָר, אף דריי טעג פאַר-שפאַרט און בא רויטע פאָנען רעדעס געהאַלטן, לידער געזונגען, ביז איספראווניק האָט דראָען גענומען, אז ער וועט אונטער-צינדן — אין שטאָט-טעאטר איז באַטאָג א מיטינג געווען.

און פול געווען שטאָט-טעאטר: אַרמייער, כעוורע פון ארבע-טער-קלוב, שטאט. און „לייע די שאַמעסטע״ איז בא אריינגאַנג-טירן געשטאַנען, אַכטונג געגעבן, ס׳זאָל אין אָרדענונג צוגיין.

און בא פאָרהאַנג דערוויילן-אַראָפּגעלאָזטן, צווישן רייען און פאָרהאַנג, בא פאָרענטש האט דער געשטופלטער טאָמאש דער-ציילט טשערנסאָנען:

— פונם שטעטל איז ער, באַליאַס, אין א פאַרנאכט אַוועק מיט א מאַן צען אין נאָענטן דערפל. ער איז דאָרט אף נאַכט

פארבליבן, אין דערפל, און באנאַכט האָבן פון פעלד אַרום דערפל זיך קוילנוואַרפערס צעהוסט און אָרטיקע און ארומיקע „טשיפּיקעס" האָבן אים געפּאקט. מ'האָט אים אינמיטן דאָרף באַליאסן, דאָס צווייטע אויג אויסגעשטאָכן און אַף פּיצלעך האָט מען אים צעהאַקט. מיר האָבן אים מיט אלע צען אַף מאָרגן אין שטעטל באַגראָבן...

דער פאָרהאַנג האָט זיך אופגעהויבן, און שטאָט, וואס קוקט פון רייען, האָט זיך אַף שפּיץ פינגער אופגעהויבן: אַף דער בימע—כעוורע פון קלוב, און אינמיטן, אין לעדער-רעקל, מיט רעוואָלווער אין פּאַס—ראָליק.

שטאָט אין רייען איז אופגעשפּרונגען, האָט געפּאַטשט, געשריגן, מיט צעפלאַמטע פּענעמער געשריגן:

— ראָליק, ראָליק!...

— ס'איז דאך ראָליק, דערזעלבער ראָליק, דער היימישער, דער אייגענער, וואָס איז פאַראַיאָרן מיט 70 אַף מאַסע-וואָגן אַריין אין שטאָט און 2 וואָכן, ביז סאמע דייטש, מיט שטאָט געפּראוועט. — ס'איז דאָך ראָליק, וואָס שטענדיק און אומעטום געדיינקט ער געבורט-שטאָט זיינע, און שטענדיק און פון אומעטום קומט ער. מיט מאכנעס רויטע קומט ער צו שטאָט... אָט זיצט דאָך טאקע דאָ, אין ווינקל-טעאטר, זיין טאטע, דער אלטער קאַראַאימער, דער לערער פון טאַלמוד-טוירע, קוקט אַף הימל און הערט שווייגנדיק. דאָס איז דאָך ראָליק!

— ראָליק, ראָליק! — האט שטאט פון רייען געשריגן.

און אז ס'איז שטיל געוואָרן, איז ראָליק צום ברעג סצענע צו:

— כאווירים! מיך פרייט זייער ווידער טרעפן זיך מיט מיין געבורט-שטאָט אונטער דער רויטער פאָן. איך געדיינק יענעם זפּדערנאַכט, ווען מיט 70 רויטגוואַרדייער האָב איך געמוזט די שטאָט פארלאָזן. געווען נאָענט דייטש, געווען נאָענט היידאמאק, האָבן מיר געמוזט פארלאָזן. איצט האָט די רויטע ארמיי ווידער געבראַכט די רויטע פאָן אין שטאָט אריין. זאָל לעבן די רויטע

פאַן איבער אונזער שטאָט, איבערן גאַנצן לאַנד, איבער דער גאַנצער וועלט !...

— הוראַ, הוראַ, הוראַ ! — האָט שטאָט פון רייען געשריגן.

— כאַוויירים ! איך קום איצט אין שטאָט גראָד נאָכדעם, ווי אונזערע טיילן האָבן אף עטלעכע טעג געמוזט פארלאָזן די שטאָט. באַם אָפטרעטן זיינען עטלעכע כאַוויירים אומגעקומען, צווישן זיי כ׳ באַליאַס, אַן אָנגעזעענער טוער, אַ טרייער קאָמוניסט. כ׳לייג פאָר באַערן דעם אָנדיינק פון די געפאַלענע כאַוויירים, דעם אָנ-דיינק פון כ׳ באַליאַס, מיט אופשטיין.

און שטאָט איז אופגעשטאַנען, שטאָט האָט אַ האַלבע שאָ נאָכאַנאַנד געזונגען „ווי זשערטוואָיו פּאַלי״.

און דערנאָך האָט ראָליק גערעדט וועגן דעם, אַז די רויטע פאָן מוז און וועט זיגן, וועגן דעם, אַז ס׳איז אַ געשלעג אַף רויט אָדער טויט, וועגן דעם, אַז אין אַלע לענדער, אין גאָר דער וועלט וועלן שוין איינגיכן, גאָר איינגיכן די אַרבעטער און פויערים זיך אופהייבן דעם יאָך פון קאַפּיטאַל אַראָפּצואוואַרפן...

און דערנאָך האָט גערעדט טאָמאַש, און דערנאָך איז עפּעס אַ פרישער צום ברעג סצענע צוגעגאַן און רעדן גענומען.

רויטע פאָנען זיינען איבער דער סצענע צעשפּרייט געווען, און געשטאַנען איז לעבן פאָנען מיט אַ צעעפנט מויל „לייע די שאַמעסטע״, און דער פרישער, דער אומבאַקאַנטער האָט גע-רעדט :

— כאַוויירים און בירגער ! איך, מיל, וואָס בין באַשטימט פאַר מיליטער-קאָמיסאַר פון שטאָט, קום דאָ אָט-וואָס צו מעלדן : די הײדאַמאַטשינע איז נאָך ניט אינגאַנצן פארטיליקט, זי באַהאַלט זיך נאָך דאָ אין שטאָט. זי זיצט עפּשער אויך איצטער, דאָ אין טעאַטער, און הערט. זאָל זי וויסן, אַז איך, מיל, מיליטער-קאָמיסאַר וועל מיט די שטריינגסטע, די האַרבסטע מיטלען צע-רעכענען זיך מיט איר, איך וועל זיך ניט אָפּשטעלן פאַר גאָרניט קעדיי צו איינשטעלן רעוואָלוציאָנערע אָרדענונג אין שטאָט...

און דערנאָך האָט ווידער גערעדט ראָליק :

— כאַווײַרים! איך פּאַר מאָרגן אָפּ פון שטאָט. מיר ווילט זיך גלויבן, אַז דעם כ׳ מיל וועט געלונגען פעסט אײַנצואָרדענען די שטאָט. מיר ווילט זיך גלויבן, אַז מײַן געבורטס-שטאָט וועט נים פאַרשעמען דאָס רויטע לאַנד!...

און שטאָט האָט זיך פון רייען אופגעשטעלט, און שטאָט האָט געזונגען:

„Вставай, проклятьем заклейменный"...

און אַז באַ אַרויסגאַנג-טיר האָט זיך אוילעם ארויסשיטן גענומען, און אַז באַ ארויסגאַנג-טיר איז לעבן טשערנסאָנען געשטאַנען די לאנגע פּאָעטעסע „פּרינצעסאַ גריאָזאַ" און האָט נעשניר׳עוועט די ליפּעלעך:

—„Он чудный, наш Ролик, чудный..."

איז מיט מילען, מיט טאַמאַשן, מיט כאַיעטן ראַליק ארויסגעגאַן, באַמערקט טשערנסאָנען און אָפּגעשטאַנען אַף אַ רעגע פּו מיטגייער.

— וואָס מאַכט איר היינט, טשערנסאָן, וואָס מאַכט איר?... אַ בריוול אייך געבראַכט, אָט טייקעף...

און ער האָט פון לעדער-רעקל, פון נאָטיץ-ביכל בריוול ארויסגענומען און גיך-גיך געדריקט טשערנסאָנען די האַנט:

מיר וועלן זיך דאָך נאָך זען מיט אייך? קומט אריין אָפּדערנאַכט, איך רעווקאָם אַריין!

און ער איז אַוועק מיט מילען, מיט טאָמאַשן, מיט כאַיעטן.

און אַז טשערנסאָן האָט אים נאָכגעקוקט:

אָט איז ער עס ווידער, ראַליק, טאקע דערזועלבער, ווי ער איז אין זומער פינם זיבעצנטן פון ניו-יאָרק אַראָפּ, טאַקע דערזעלבער. ווי ער איז אין סאָף-ווינטער יענעם, פּאַר אַוועקיאָג מיט 70, מיט פרוי יענער שטילער און קינד באַ הענט אירע אַף בימע געשטאַנען אין, „כאַווײַרים: איך נאָמען פון געהאַרגעטן כ׳ פיאָנטס פרוי, אין נאָמען פון זיין עלנט-פאַרבליבענעם קינד — מיר וועלן זיך אומקערן: מיר וועלן זיך אומקערן!..." — טאַקע דערזעלבער ראַליק, ווי ס׳מאָלט אים, באַזינגט אים מיידל גע-

ליבטע, מיידל מאַרוסיאַ אין זומער נאָך אַוועקיאָג אין שיפל אַף טייכן פון גאָרטן טיפן... כאַקע דערזועלבער...

און אַז בריוול אופגעריסן:

— „...כ'פאָר קומענדיקע וואָך אַוועק אין אַ מיליטער-טייל, אַפֿן פראָנט. פארוואָס קומסטו ניט צו פאָרן?... מיר וואַרטן אַלע אַף דיר! כ'וואָלט געוואלט זען דיך איידער כ'פאָר אָפּ!...
מאַרוסיאַ".

אַ שטאָט האָט אַף גאַסן אַרומגעשפאַצירט. אין בלאָטע נאָך צעגאַנגענעם שניי געווען גאַסן, נאָר פון אלע זייטן האָט שוין מים רייעך פון פרילינג געבלאָזן אף שטאָט.

אַ פיבערדיק-אויסגעצויגענע געלעגן איז שטאָט אין פאַרנאַכט. קעגן פרילינג אָנקומענדיקן, קעגן געשעעניש און געשעעניש.

III

— איך קאָן אים דאָך. ער איז דאָך באַ די קעסלערס אַפֿן צוקער-זאַוואָד אַ לערער געווען, ערשט אין 12-טן יאָר אַ לערער געווען, — האָט אין בינטל באַ הויז זיינעם גערעדט ר' בעריש מאַכלין וועגן דעם קאָמיסאַר, דעם נייעם מיליטער-קאָמיסאַר מיל.

— ער איז גראָד אַ מאָלאָדיעץ, מיל, אַ מאָלאָדיעץ אַ אידל.
האָט געזאָגט אַוורעמל דער „באַס", אַוורעמל דער „דייטש".

ס'האָט זיך שוין פרילינג צעקייגט אין שטאָט, ס'זיינען שוין בלויע טעג איבער די גאַסן געשטאַנען, און אין איין האָטעל פון שטאָט האָבן שוין קאָמאַנדיר-קורסן געוואוינט, און אין צווייטן האָטעל האָט געוואוינט „טשעקאַ". סטאָג, באָכער פון אַגראָנאָם-שול, איז קאָמענדאַנט פון טשעקאַ געווען, און „לייע די שאַ-מעסטע" איר געהילף געווען.

אַרויסגעפאָרן איז אַף דראָושקע איבער גאַסן, מיט פאָרטפעל אונטער פאַכווע, מיט בליק עטריינגן קאָמיסאַר מיל. און שטאָט האָט פון טראָטואַרן מיט פינגער געטייט:

— אָט פאָרט דער מיליטער-קאָמיסאַר מיל און דאַנילאָוו, דער געהילף זיינער, אָט פאָרן זיי!...

און קלייטן, און ראַטהויז, ווי זיי האָבן מיט א כוידעש צוריק יאָנטעוון געגומען, האָבן אלץ כאַקע געיאָנטעווט. און באלע-באַטים זיינען זיך אין ראַיאָנען אף אַסיפעס צונויפגעקומען, גע-אַמפּערט זיך און געקריגט זיך איבער די קאָנטריבוציע-סכומען, וואָס מ׳מוז אריינטראָגן. דער ראַבינער איז פון ראיאָן צו ראַיאָן אַרומגעפלויגן און געמיט זיך איינשטילן, שאָלעם מאכן:

— מ׳מוז אויסקומען, אידן. מ׳מוז די סומע אַריינטראָגן.

און צו כאַיעטן אין שטאָטהויז, אין רעווקאָם אריין, איז דער ראַבינער פארשמאיעט געלאָפן:

— כ׳ כאַיעס, אָבער שטאָט איז דאָך ניט אימשטאנד!..

און אין קלוב אין נאָמען פון פיאָנטן און אורבאַיען איז א יאָגעניש געווען: ס׳האָבן דער געשטופּלטער טאָמאש און טשאלי, אַ באָכער פון אַגראָנאָם-שול, אַף פארזאַמלונגען פון פאריינען רעדעס געהאלטן. טשערנסאָן איז מיט זיי פון פארזאמלונג צו פאַרזאַמלונג געגאַן און סעקרעטאר געווען, און פאַריינען האָבן אין ראט אַריין געקליבן, אין ערשטן ראַט פון שטאָט און קרייז.

און פאריינען — מעטאליסטן פון סלאָבאָדקע, מיידלעך פון טוטין פאַבריק, מיידלעך פון הילון-פאַבריק, בוי-אַרבעטער, וואס ווארטן, אַז רעווקאָם זאָל זיי צוגעזאָגטע אַרבעט געבן, — פאַריי-נען האָבן געקליבן אין ערשטן ראַט פון שטאט און קרייז כעוורע פון קלוב, כעוורע, וואָס האָט אין זומער פאַראַיאָריקן אין אונ-טערגעסלעך אופשטאַנד געגרייט. טאָמאשן, כאַיעטן, טשאלין, סטאָגן, די לערערטע פּאָפּאָווע, די גאַנצע כעוורע פון קלוב.

און אין אַפּדערנאכטן האָבן זיך העל-באלויכטענע פענצטער פון רעווקאָם אַפן דריטן שטאָק פון שטאָטהויז געהייכט איבער שטאָט, און בא לאַנגן „דומע״-טיש איז ביז טיף אין דער נאַכט צעהיצטע זיצונג געגאַנ. ס׳האט דאָרט סטאָג לאַנג-לאַנג גערעדט, און דער קאָמיסאר מיל האָט אין טיש געקלאַפּט:

— כ׳ סטאָג, ס׳איז פעטלוראָווטשטשינע! כ׳ סטאָג, איר קאָנט אזוי ארום ווייט, גאָר ווייט פאַרקריכן!..

און סטאָג האט ווידער גערעדט, האַרב און מיט געציילטע ווערטער:

— דער קרייז איז אַ פויערישער, אַ פּוילישער? איז פאַרוואָס זאָל אין ראט דאָס פויערטום אין אַזא מינדערהייט זיין?

און קאָמיסאַר מיל האָט דעם שטול פון זיך געררוקט און אין טיש אַריין געקלאַפּט:

— כ׳ סטאָג! מיר האָבן א קלאָרן באַפעל!..

ס׳איז געגאַן צו פייסעך און גאָרטן טיפער הינטער שטאָט האָט שוין געבליט, און אין בא ראָגן האבן געשבועסט:

— א סוואָרע, אַז זיי קענען שוין צווישן זיך ניט אויסקומען, די כעוורע, אַ סוואָרע, אַז מ׳קריגט זיך דאָרט אַלע צופּדערנאַכט, מ׳קריגט זיך און מ׳סטראַשעט זיך...

און ארום שטאָטהויז האָבן זיך די כאַוירגיקעס פון פאָרשטאָט ארומגעדרייט, צוגעקוקט זיך און ניט געקאָנט פאַרשטיין, און שטום־שווייגנדיק, איינשלינגענדיק אין זיך, אַף בולוואַר־פאַרקן קעגן שטאָטהויז געזעסן, געקוקט.

און אין האָטעל „בריסטאָל" זיינען די קורסאַנטן פון קאָמאַנדיר־קורסן אין קופּקעלעך געשטאַנען, געטאַינעט וועגן דעם, אַז ס׳קומט זיי סכירעס פאַר דריי כאַדאָשים צייט, און סכירעס קומט אַלץ ניט אָן און וואָס וועט זיין דערפון?

און צו האָטעל „פראַנסוא" האָט „לייע די שאַמעסטע" פון פריצישע גאַסן אין שטאָט אַף פורן קאָל־טואוו געשלעפּט: בעטן און שפּיגלען, און געפעס טייערס, פון באַראָן מייענדאָרפס און באַראָן קאָרשס פאַלאַצן פאַרלאָזטע.

און ס׳איז צוגעקומען טאָג פון ערעוו פייסעך. און רעדלעך באַ ראָגן האָבן געשמועסט, אז אזאַ כין פייסעך באַ שטאָט דאָס ערשטע מאָל זינט זי שטייט, זינט זי איז שטאָט. און דער טאָג איז א הויך־בלויער געווען — אין גאָרטן טיפן, אַף אַלייען פאַרבאַהאַלטנסטע, גרינסטע און שטילסטע, יענע אַלייען, וואָס ארום שטיין מיט אופשריפט אַמאָליקער, פּוילישער:

„...Доля чловіка!
Тілько блесне и утека..."

איז טשערנסאָן ביז באַטאַג ארומגעגאַן, און אז זון איז שוין איבער גרינסטע, פאַרבאהאַלטנסטע אַלייען געשטאַנען, איז ער מיטן בארג-אַרוף, מיט גערטנער-גאַס, וואָס פירט פון גאָרטן טיפן, אין שטאָט אַריינגעקומען: אוועק צו שטאָט-טעאַטער, וואו ערשטע פייערלעכע זיצונג פון ערשטן ראַט פון שטאָט און קרייז.

ס׳האָט שטאָט זיך בא טירן פון טעאַטר געריסן, געוואָלט אַריין, נאָר קורסאַנטן פון קאָמאַנדיר-קורסן האָבן טירן געהיט, צייגענישן געפאָדערט און אוילעם געשטופּט, ווייטער, ווייטער פון טירן געשטופּט.

אף ביינק, אין רייען זיינען פארייגען געזעסן — ביידלעך פון טוטין-פאבריק, און מיידלעך פון הילון-פאבריק, און מעטאַליסטן פון סלאָבאָדקע, און בוי-ארבעטער.

און געפּליעסקעט האָט מען דעם געשטופּלטן טשאַמאשן, אַז ער האָט זיצונג געעפנט, און געפּליעסקעט האָט מען כאיעטן, ווען ער האָט ערשטע רעדע געהאַלטן, און שטום-שטום האָט מען געקוקט, ווען אף בימע איז ארויס סטאָג, א וואָרף ארוף געטון די טשופרינגע אַפן קאָפּ און אף לאָשן פון דערפער, וואָס אַרום שטאָט, און פון עק סצענע צו סצענע אַרומשפּאַנענדיק:

— כאַוויירים! כ׳באַגריס אין נאָמען פון אָרעמען פויערטום די ערשטע זיצונג פון ראַט. נאָר... נאָר, צום באדויערן, כאַוויי-רים, ווייניק פויערים זעען מיר דאָ אַף דער ערשטער ראַט-זיצונג. איך וויל ווינשן דעם ערשטן ראַט פון שטאָט און קרייז ער זאָל אמנאָענסטן פאַריכטן דעם פעלער, פאַרגלעטן די זינד, וואָס ער באגייט קעגן אָרעמען פויערטום!

פאַרייגען און רייען האָבן געשטימט. נאָר אין ווינקלען פון טעאַטר האָבן עטלעכע סוויטקעס זיך אופגעשטעלט און געקלאַפּט, לאַנג און שטארק און באַגוטנדיק געקלאַפּט. און באַ טירן, דאָרט וואו פאָרשטייער פון מיליטער-טייכן, פאָרשטייער פון קאָמאַנדיר-קורסן, האָבן קרעפטיקע געמבעס געהילכט:

בראַוואָ, סטאָג! בראַוואָ, סטאָג!...

און פארנאַכט זיינען בא האָטעל „בריסטאָל" די לאַנגע קור-סאַנטן פון קאָמאַנדיר-קורסן געשטאַנען אין קופּקעלעך, געקוקט פאַרעשכוירעדיק אף אוילעם, וואָס גייט פארביי, און געטאַיגעט וועגן דעמזועלבן:

— מיט ניט-אויסגעצאָלטער סכירעס וואָס וועט זיין?

און אפּדערנאַכט, ווען איבער גאַסן ליידיקע איז פּולע לע-וואָנע אַרומגעגאַן, און אין דירעס האָט מען שוין, כּישטיינס-גע-זאָגט, סיידער אָפּגעפּראַוועט, — מ'איז געזעסן בא טישן און מ'האָט גערעדט וועגן יאָרן, גוטע אמאָליקע יאָרן, פון רייזעס קיין ווארשע, קיין לוצק, פון קליים אָנגעשטאָפּטער און פון גאַסן זיכערע, — אַפּדערנאַכט איז משערנכאָן ווידער פון גאָרטן טיפן, פון אַלייען פאַרבאַהאַלטנסטע געגאַן, און לייכטער ווינט האָט איבער ליידיקע גאַסן געבלאָזן, און לעוואָנע פולע האָט שטאָט געהיט.

און אין ווינקל, צווישן קלויסטער צעגלאַנצטן און בולוואַר טונקעלן, פלוצים —

— „שווייג! מיט אונז! מיט אונז!..."

אַ בינטל איילנדיקע, מיט ביקסן אין הענט, האָט אים פאַר-שלעפּט, מיטגעשלעפּט אראָפּ, צו ראטהויז און צו ווינקל, וואָס צווישן מאַרק און צווישן קרומען בארג, וועלכער פירט אַראָפּ צו ברעג און צו אויסער-שטאָט.

געאיילט האָט דאָס בינטל — „שווייג" האָט עס געהייסן — און צווישן זיי, די מיט ביקסן באלאָדענע, איז איינער מיט כשערנ-סאָנען געגאַן צעטומלט און ניט ווייסנדיק וואָס און פאָלגנדיק האַכנאָעדיק, א צענדליק פאַרשוין, איינוואוינער, גלאט איינוואוי-נער פון שטאָט, פון גאס ליידיקער אין ערשטער פייטעך-נאַכט קעגן פולער לעוואָנע.

און שטיל-שטיל האָבן די, וואָס מיט ביקסן, גערעדט צווישן זיך:

— Ядрена палка!

— מירן אים ווייזן, וואָס הייסט פאַרקויפן אונז די בירזשוויעס פאַר א האַלבן מיליאָן גאָלד...

און שטיל-שטיל האָבן מיטגעשלעפּטע געשמועסט צווישן זיך:

— וואָס הייסט עס? וואוהין שלעפּן זיי אונז?

באַם ווינקל מאַרק און באַרג האָט מען זיי באַ וואַנט אויסגעשטעלט, און א טייל לייט באַוואָפנטע זיינען אוועק איבער גאַסן, וואָס ארום, און געבליבן זיינען היטן אַ מאַן 5.

און באַלויכטן געווען דער באַרג-אַראָפּ, און געגלאַנצט האָבן שטעלעכלעך פון מאַרק. און איינער פון מיטגעשלעפּטע האָט זיך אַף דער ערד באַ דער וואַנט אויסגעצויגן, מיט נייעם יאַנטעוו-גאַרניטער און מיט יאָנטעוו-שיך, געקוקט אף די שיינענדיקע נעזער פון די שיך און געבעטן זיך באַ מיטגעשלעפּטע אַרום:

— וואָס וועט מען דאָ טון מיט אונז? וואס ווילן זיי פון אונז?

און איינער פון היטערס האָט געגעצנדיק קעגן לעוואָנע גלאַט אזוי זיך ביקסל אָנגעשטעלט קעגן דעם פאַרשוין מיט יאָנטעוו-שיך: — דורכלעכערן? האַ?

און דערוואוסט האבן זיך באַ היטערס מיטגעשלעפּטע, וואָס לעבן וואַנט, אז דער מיליטער-קאָמיסאר מיל האָט פארקויפט זיך די בורזשויעס פון שטאָט פאר א האַלבן מיליאָן גאָלד, דער כאַוועך סטאָג האָט די מאיסע אנטפּלעקט און מ׳וועט ניט דערלאָזן... מ׳וועט ניט דערלאָזן...

און פונויבן, פון בולוואַר-גאס איז עפּעס איינער פלוצלינג אָנגעלאָפן, מ׳האָט אים אָפּגעשטעלט:

— פאַראָל!...

קרעמענטשוג! — האָט דער פאַרשוין אַ זאָג געטון, און מ׳האָט אים דורכגעלאָזט, און ער איז שנעל-שנעל אַוועק מיטן בארג-אראָפּ.

און אין נאָענטער גאַס, וואָס ארום מאַרק, האָט זיך א שאָס דערהערט, און אוועקגענאַנגענע באַוואָפנטע האָבן זיך פונדאָרט אומגעקערט, און געזעען האָט מען פונווייטנס: זיי שלעפּן עפּעס עמעצן, דער עמעצער רייסט זיך, היפּעס קלינגען און זיי שלעפּן, און דער, וואָס מ׳שלעפּט אים, קוויטשעט.

— אז כאַסקעליאַ בואוו... פּייסעך — ווין...

צו דער וואַנס, וואו שורע מיטגעשלעפּטע, האָבן צוריקגעקו-מענע באַוואָפנטע דעם פאַרשוין, וואָס קוויטשעט, צוגעוואַלגערט. ס'איז געווען א בראַסלאווער, א לאַנגער דאַרער בראַסלאווער כאָסיד אין א יאַנטעוו-קאַפּאָטע, פון די מעקאבלים, וואָס זיצן טאָג און נאַכט אין קלויז אין בראסלאווער. די, וואָס האָבן אים געבראַכט, האָבן עפּעס געוואלט ארויסרייסן באַ אים פון בוזעם, ער האָט ניט געלאָזט און האָט געריסן זיך:

— או כאסקעליא בואוו... פּייסעך... ווין...

און איך געראנגל זיינען באַם בראסלאווער ברילן פון נאָז אַראָפּגעפאלן, זיך צעשמעטערט און זיך צעקלונגען אַפן ברוק. מ'האָט בא אים סאָפּקאָלכאָף פון בוזעם כאַקע ארויסגעשלעפּט די זאַך, וואָס ער האָט דאָרטן מיט אַלע קייכעס צוגעהאַלטן — פאַר אלע באוואָפנטע און פאר אלע מיטגעשלעפּטע באַ וואנט האָט א שיין געטון א פלאַש. א כולע פלאַש וויין.

— פּייסעך... ווין...

מ'האָט בא אים נאָך פון קעשענע זיין זייגער ארויסבאַקו-מען און מ'האט אים צו בינטל באַ וואַנט געהייסן זיך זעצן. ער האָט זיך פיבערנדיק איינגעקיקט אין פענעמער אַרום און די הענט געשפּרייט:

— אז איך בין באַ כאסקעלן באַם סיידער געווען און גיי מיר אהיים... וואָס ווילן זיי, די אַריילים?

און דערזעען פענעמער אידישע, גענומען ציען, בעטן:

— זאָגט זיי, זאָגט זיי, זיי זאָלן מיר כאָטש דעם זייגער אָפּגעבן, כ'איז דאָך אַ גאָלדענער זייגער, זאָלן זיי מיר כאָטש דעם זייגער אָפּגעבן...

נאָך מאַכנע באוואָפנטע האָט וועגן עפּעס גיך-גיך געשמועסט בא סלופּ באַלויכטענעם קעגן מאַרק:

— דורך און דעם פאראָל אָנגערופן? אַ קלייניטשקער, א שוואַרצינקער?

— ס'איז דאָך ער, Христа Бога, ס'איז דאָך ער!..

און צוויי פון מאַכנע מיט ביקסן האָבן זיך אָוועקגעלאָזט, מיט היפּע קלינגענדיקער אָוועקגעיאָגט באַרג-אַראָפּ, אהין, וואוהין ס'איז פריער אָוועק דער פּארשוין, וואָס איז דורכגעלאָפן.

און אַרום האָט שטאָט געשטומט, און לעוואָנע האָט זיך אין קייטלעך וואָלקנדלעך ווייסע געריקט, און מיטגעשלעפּטע באַ וואַנט האָבן האכנאָעדיק געוואַרט, און די צוויי האָבן זיך אומגעקערט:

— Ядрена палка, ער איז אויסגעטריקנט געוואָרן, שפּאַנאַ!..

און מ'האָט דאָס בינטל מיטגעשלעפּטע אויסגעשטעלט, מ'האָט דעם בראַסלאַוועדר, וואָס מאָנט דעם זייגער, -עטלעכע קלעפּ מיט פריקלאַד געגעבן, און איבער גאַסן לײדיקע האָט וואַך פון דריי דאָס בינטל אָוועקגעפירט.

איבער גאַסן הוילע, באַלויכטענע האָט מען זיי געבראַכט צום האָטעל „פּראַנסואַ", און וואַך-פּארשוין באַ דער טיר האָט זיי איבערגענומען, און די 3 זיינען צוריק אוועק, אַראָפּ צו ווינקל באַרג און מאַרק.

אף אינעווייניקסטע באַלויכטענע טרעפּ פון האָטעל האָט טשערנסאָן דערזען: אָנגעשפּאַרט אין פּאַרענטש שטייט כאַיעט דער דרוקער. א בלייכער שטייט ער און רעוואָלווער באַ זייט, שטייט ער, און קען אים שטייט סטאָג, און כאַיעט היצט זיך, כאַיעט ברענט:

— ס'איז דאָך א פּראָוואָקאַציע, סטאָג! ס'איז דאָך ניט קיין ריינער איניען, סטאָג!

און סטאָג שמייכלט, פּאַטשט אים, כאַיעטן, איבער דער פּלייצע:

— וועסט דאָ איבערנעכטיקן א נעכטעלע, ברודערל כאַיעט.

מ'האָט די געבראַכטע אין א צימערל א פינצטערס אריינגעוואָלגערט, און פול שוין געווען דאָס צימערל, אף אלע ביינק און ביינקלעך — אָנגעבראכטע צונויפגעשלעפּטע פון שטאָט, און באַוואָפנטער, וואָס היט צימערל, האָט זיך געווערטלט:

— פונדאַנעט... אָדער אהיים, אָדער צום ווענטל — אָדע צום ווענטל...

און סירן האָבן אָרום צימערל געקלאַפּט, און אוילעם צונויפ־געשטאַפּטער אין צימערל האָט געשמועסט:

— דער רעווקאָם איז ארעסטירט... סטאָג האָט די שטאָט פאַרכאַפּט...

געזעסן איז אין צימערל צווישן אוילעם א באָכערל, וואָס איז אין וואַך באם רעווקאָם געווען, ער האָט מיט דין־דין קלאָ־געוודיק קעלעכל דערציילט:

— פארנאכט זיינען זיי אריין, באַ אונז אלע די ביקסן צוגע־נומען און פארשלעפּט אהער. בא מיר האָבן זיי דעם קאווקאזער מאַנטל מיינעם צוגענומען. א וואונדערלעכן, א טייערן קאַווקאזער מאַנטל—וואו וועל איך איצט קריגן אזא מינעם?

און דער בראסלאַווער איז פון איינעם צו צווייטן אין אוי־לעם ארומגעגאַן:

— איר זיינט דאָך געבילדעטע יונגעלייט. זאָגט זיי, איך בעט אייך, די אָריילים, זיי זאָלן מיר דעם זייגער אָפּגעבן...

און אוילעם האָט געקייכט פאר געלעכטער:

— וואָס דארפט איר, פעטער, דעם זייגער, אז קיין ברילן האָט איר שוין ניט?

און אָנקעגן פענצטער פון צימערל, אנקעגן האָטעל „פראַנסוואַ" איז געלעגן אונטער לעוואָנע שטאָט, וואָס שלאָפט, שטאָט, וואָס ווייס גאָרניט ניט.

און די נאָכט האָט זיך געצויגן, און אלע אין צימערל פינצ־טערס האָבן שוין געדרימלט. און אין ווינקל איז מיט אויגן אָפענע געלעגן דאָס באָכערל פון רעווקאָם־וואַך, וואָס מ'האָט באַ אים דעם קאַווקאַזער מאַנטל צוגענומען, געלעגן מיט איין געדאַנק, אַז אזאַ מאַנטל וועט ער שוין ניט קריגן.

און געדרימלט האָט בא ליכט, באַ אָריינגאַנג אין צימערל, פאַרשוין, וואָס הים, פאַרשוין, וואָס זאָגט, אַז פונדאַנעט:

— אָדער אהיים... אָדער צום וועגטל... אָדער צום וועגטל...

און צו פרי־צו — ס'איז שוין לעוואָנע אויסגעלאָשן געוואָרן און בלייכן האָט גענומען איבער שטאָט, — האָט מען אין צימערל

מײדל אַרײַנגעשטופּט. מײדל האָט דערצײלט, אַז אַלע פון רעוו-קאָם זײַנען אַרעסטירט, נאָר טאָמאַש און מיל זײַנען אַנטלאָפן. סטאָג האָט באַ זיך די טײל, וואָס באַ „טשעקאַ", און א קלײנע טײל פון קאָמאַנדיר-קורסן.

גאַנצער אוילעם איז אין אַ רינג געזעסן אַרום מײדל און געהערט.

און אינדערפרי האָט זיך די טיר אופגעעפנט און פון שוועל האָט א פאַרשוין אַ געשריי געטון:

— פאַראַן דאָ טשערנסאָן?

דורך א הינטער-טיר האָט ער, דער פאַרשוין, טשערנסאָנען דורכגעלאָזט.

צו איז בראַסלאַוועד צום פאַרשוין, אים באַ האַנט אָנגע-כאַפּט און אין האַנט אַרײַן געקושט:

— פּאַני, פּאַני, יאַ בראַצלאַווסקי, פּאַני!..

און דער פאַרשוין האָט געלאַכט, און דער פאַרשוין האָט דעם בראַסלאַוועד באַם קאָלנער אָנגעכאַפּט, פון טיר אַריבער שוועל אַריבערגעשלײדערט:

— פּלי, פּײַסעך!.

און אײנײנעם זײַנען פון האָטעל „פראַנסואַ" טשערנסאָן מיטן בראַסלאַוועד אַוועק. טרערן געשטאַנען באַם בראַסלאַוועד אין די אויגן:

— דער זײגער... דער גאָלדענער זײגער... אַזאַ שאָד!..

און געבלײַכט האָט איבער שטאָט.

און אינדערפרי, אַז שטאָט האָט זיך אופגעכאַפּט, זײַנען איבער גאַסן רײַטער געפאָרן, מיט היטלען אַף זײַט קאָפּ, געפאָרן און געזונגען:

— Пішли жидки в шко-лу —
Им-ти-ри-ти—ром ..
Им-ти-ри-ти—ром !..
По мо-ли-ться бо-гу...
Им-ти-ри-ти—ром...
Им-ти-ри-ти—ром ! ..

און רעדלעך האָבן פון צווישנגעסלעך מוירע געהאַט אַרויס־צוגיין:

— „טשעקאַ״ האָט זיך צעבונטעוועט... סטאַג באַלעבאַטעוועט אין שטאָט...

געהילכט האָט „פּישלי זשידקי״ איבער גאַסן ביז 3 אַזייגער באַטאָג. און 3 אַזייגער באַטאָג האָבן זיך מיטאַמאָל אַנדערע דייטער באַוויזן. זיי האָבן געיאָגט איבער שטאָט, און רעדלעך אין צווישנגעסלעך האָבן שוין געשמועסט:

— קאָמיסאַר מיל האָט באַנאַכט אין א געסל אין עק־שטאָט צו גלאַט־א־אידן אין פענצטער אַריין אָנגעקלאַפּט: דער איז דערשראָקן פון בעט אַרויס.

— ווער איז?

— ס'איז איך, קאָמיסאַר מיל.

אין דער איד האָט מילן אַריינגעלאָזט, און מיל האָט באַ אים איבערגעָנעכטיקט... און טאָמאַשן, דעם געשטופּלטן טאָמאַשן, איז געלונגען דורכן טעלעגראַף איבערגעבן אין דער נאָענסטער שטאָט מ'זאָל מיליטער־טיילן אַרויסשיקן... אָט־דאָס זיינען זיי, די מיליטער־טיילן, אָט אָט־די רייטער, אָט־דאָס זיינען זיי...

און אין טונקל פון פאַרנאַכט זיינען איבער אונטערגעסלעך פון שטאָט געלאָפן פּאָרלעכווייס און איינציקווייס, איינציקווייס איינגעוואָרעטע פאַרשוינען. געלאָפן איז „טשעקאַ״ סטאַגס פון שטאָט אין די פעלדער אַריין, אין די דערפער, די שטומענדיקע דערפער אַרום שטאָט.

צום קאָמיסאַר מיל אין זיין קאַבינעט אַריין איז אריינגעקומען אַ פאַרשוין, — ער האָט געמאָלדן, דער פאַרשוין, דעם סעקרעטאַר, אַז ער האָט אַ פערזענלעכן איניען צום כ׳ מיל, און מ'האָט אים צום כ׳ מיל אריינגעלאָזט. אַז מיל האָט דעם קאָפּ פון פּאַק פּאַפּירן אופגעהויבן און געפרעגט דעם פאַרשוין, וואָס דאַרף ער, האָט ער, דער פאַרשוין, פון קעשענע א בראַונינג אַרויסגעכאַפּט און —

מיל האָט א שפרונג געטון און דעם פאַרשוין איבער דער האַנט א זעץ געטון, דער בראַונינג איז פון האַנט אַרויסגעפאַלן, און אַרופגעוואַלגערט האָט זיך מיל אַפן פאַרשוין, מיט נעגל אין פאָנעם אַריין, אים איבערגעקערט און אָנגעקלונגען:

— זאָל מען דעם פארשוין פאַרנעמען!...

און דעמזועלבן באַטאָג האָט ער, מיל, פאַר אָנגעפולטן שטאָט-טעאַטר גערעדט, איבער דער סצענע אַרומגעשפּאַנט, דעם פויסט געהויבן און גערעדט:

— די פיינט פון דער רעוואָלוציע האָבן היינט אף מיר, פּאָליטישער קאמיסאר פון שטאָט און קרייז, אַן אַטענטאט גע-מאַכט, דער אטענטאַט איז ניט געלונגען. איך מעלדע פונדאַנעט אַלע פיינט פון רעוואָלוציע-מעגלעך, אַז זיי געפינען זיך אויך דאָ, אין טעאַטר, — איך מעלדע זיי, אז זייערע אַטענטאַטן וועלן אונז אַלעמען און מיך, מיליטער-קאָמיסאר, ניט איבערשרעקן. זאָלן זיי וויסן, אז באַ מיר, מילן, איז מיין לעבן א גראָשן דער ווערט. אויב זיי וועלן מיך אפילע האַרגענען, וועלן קומען צענדליקער, הונדערטער, טויזנטער אנדערע אף מיין אָרט און וועלן טון דאָסזעלבע, וואָס איך. זאָלן זיי וויסן, אז איך וועל דערווייל אָן ראכמאָנעס צערעכענען זיך מיט זיי, מיט די פיינט פון דער רעוואָלוציע..

— ער שפּילט דאנטאָנען, — האָט אין רייען געלאכט דער רעדאקטאָר שטיין.

און רעדלעך אף גאסן האָבן געשמועסט:

— ס׳איז סטאָגס ארבעט... ער פאָרט דאָרט איצט ארום אי-בער די דערפער אין קרייז און רעדט פאר סכאָדן, אז אידן האָבן די שטאָט פארכאפּט, אידן ווילן דער וועלט פויערים דעם קאָפּ פארדרייען... ס׳איז זיין ארבעט...

און רעדלעך אף גאסן האָבן געשמועסט:

— פון פאַרנאָסע איז שוין אָפּגערעדט... ס׳טעלט זיך איי-ביקער יאָנטעוו אין שטאָט... נאָר האלעוואי זאָל מען כאָטש מיטן לעבן ארויסקומען...

און פרילינג הויך-בלאָווער, פרילינג אוקראַינישער איז איבער שטאָט געגאַן, און גאָרטן טיפער אונטער שטאָט האָט געשפּילט, און ארום שטאָט — פעלדער צעגרינטע, און צווישן פעלדער — וועגן צו דערפער, דערפער צעזונגענע אין פרילינג הויך-בלאָוון.

---

און קאָמיסאר מיל האָט זיך אין א פאַרנאכט אף דראָזשקע נאָכן רייטער-טייל פון שטאָט געלאָזט, געזעסן איז מיט אים אף דראָזשקע נייער קאָמענדאנט פון-„טשעקא" — „לייע די שאַמע-סטע", און אוועקגעיאָגט האָבן זיי, און אף דריי טעג זיינען זיי אין דערפער ארום שטאָט פארפאלן געוואָרן.

און אפן דריטן טאָג צו פארנאכטלעך האָבן זיי זיך אומגע-קערט, און געפאָרן איז נאָך זיי רייטער-טייל. און אף דראָזשקע איז שוין מיט זיי נאָך עמעצער, א דריטער געזעסן, און פון רעדל צו רעדל אין שטאָט איז געגאַן:

— ער האָט געפאקט סטאָגן... אין דאָרף גראָמי האָט ער אים געפאקט און ער האָט אים געבראכט אהער... א מיעסן פסאק וועט ער איצט כאפן, סטאָג...

און דעמזעלבן אפדערנאכט זיינען פענצטער פון רעווקאָם העל באלויכטן געווען, און, דער קאָמיסאר מיל האָט געטאינעט, געקלאפט אין טיש און געטאינעט:

— א מעסער אין דער פלייצע פון דער רעוואָלוציע!.. און א מיטל גענוצט: געשפּילט אף דער פינצטערקייט; פון דער פויערישער מאסע!.. שוינען טאָר מען ניט, כאווירים!...

און געשוויגן האָט כאַיעט דער דרוקער, און געשוויגן האָט טשאַלי, סטאָגס כאַווער פון אַגראָנאָם-שול, טשאַלי, וואָס האָט מיט אים, סטאָגן, 3 יאָר אין איין צימער אַף סלאָבאָדקע אונטער גאָרטן טיפן אָפּגעלעבט. נאָר דער געשטופלטער טאָמאַש האָט אויך הייזעריק געהיצט זיך:

— צעבייטן, כאַווירים, צעבייטן — און באַסטאַ!...

און אין צווייטן פאַרנאַכט, אַז טשערנאָסאָן איז מיט גערטנער-גאַס אַראָפּ-צו, אַראָפּ צו גאָרטן טיפן געגאַן, האָבן אפן ברוק

ארמייער מיט „שפייערס“ אין הענט געפירט פאַרשוינען, געפירט ארוף, און פאַרשוינען האָבן אין טונקל געשווינן, און איינער פון בינטל פאַרשוינען האָט זיך אָפּגעטיילט, צו צום ברעג טראָטואַר, אַהין, וואו טשערנסאָן:

— דערלויבט צוריקכערן !...

און טשערנסאָן האָט דערזעען: אין צעבראָכטעטן העמדל, אַ באָרוועסער שטייט לעבן אים סטאָג, און ס׳פאַלט אָוונט אין שטאָט, און סטאָג האָט פאַנעם צו אים אָנגעבויגן, רויכערט צו.

און ארמייער טרייבן אים שוין, סטאָגן, און דעם קאָפּ אָנגע-בויגן, מיט אַקסלען אַריבערן קאָפּ שפּאַנט סטאָג אַוועק.

נאָכגעקוקט האָט טשערנסאָן: באַם עק גאַס פאַרקערעוועו ארמייער, פאַרקערעוועו פאַרשוינען צווישן ארמייער, אין טונקל באַם ראָג, וואָס פירט צום ברייטן, פירעקעכיקן „פאָזשאַרנע“-הויף ווערן זיי פאַרשוואונדן.

### ו״ו

דער געשטופלטער טאַמאַש האָט באַפוילן, אַז זונטיק אינ-דערפרי זאָלן זיך פאַריינען באַ שטאָטהויז צונויפנעמען, ס׳איז דאָ אַ וויכטיקער איניען, פּינקטלעך 10 אַזייגער זאָלן קומען די פאַריינען.

און דער פאַריין „סאָווראַבאָטניק“ און דער פאַריין „סאָצ-קולט“ האָבן אַף האַלבער שאָ פאַרשפּעטיקט. און אַפן פלאַץ פאַר שטאָטהויז האָט דער געשטופלטער טאַמאַש מיט פיס געכופעט:

„Гни-ла-я ин-те-ле-ген ци-я!!“ —

און פאַריין „סאָווראַבאָטניק“ און פאַריין „סאָצקולט“ זיינען געפלעפט געשטאַנען. ס׳האָט גזוואָרפן מיט גראָבן לערער פון גימנאַזיע, ס׳האָט געציטערט פּרושילסקי, דער אַדוואָקאַט, דער שטענדיקער פאָרזיצער פון „קאָזיטעטן אף באַשיצן די אָרדענונג“, און רעדאַקטאָר שטיין האָט געשמייכלט.

און אַרויסגעטראָגן האָט מען פון שטאָטהויז העק און גראָב-אייזנס און זעגן און מ׳האָט צווישן פאַריינען צעטיילט, און דער

געשטופלטער טאָמאַש האָט פאַריינען אַוועקגעפירט אַראָפּ, צו אונטער ראַטהויז, צו לעבן קרומען באַרג, צו קלייטן און שטעלן, צו מאַרק אַלטן.

און אָפן מארק האָט דער געשטופלטער טאָמאַש געהייסן:

— כאַווײרים, האַקט!...

און פאַריינען האָבן געהאַקט קלייטן, שטעלן פון מארק אַלטן.

ס'האָט זיך דאָס קנאַקן געטראָגן איבער גאַנצער שטאָט, און אידן זיינען ארום אין האמוינים געשטאַנען, שטום-שווייגנדיק געקוקט:

— מע האַקט דעם מאַרק...

און צו פאַרנאַכט, אַז פאַריינען מיט געשטופלטן טאָמאַשן פונפאָרנט זיינען אַוועק, איז דאָרט, וואו מארק אלטער, געבליבן הוילער פלאַץ, הוילער פלאַץ מיט טיפע, שווארצע לעכער.

און טעג גילדענע זיינען געשטאַנען איבער שטאָט, מאָרגן לויטערער און אָוונט לויטערער. און דינע, ווייסע בלווע האָט שטאָט-מיידל אָנגעטון, און שטאָט האָט זיך ארום שטאָטהויז גע-דרייט. אידן האָבן זיך שוין צו פוסטעפאַס צוגעוויינט, אַרום-געשלעפּט זיך און אָנגעקוקט כעוורע, וואָס פראוועט מיט שטאָט, און אין רעדלעך אין מיט הויפּט-גאַס צונויפגענומען זיך:

— וועלן מיר, הייסט עס, פעכנען אפן פיסק, אידן?

און הויך איבער שטאָטהויז, איבער אַלע גאַסן און הייזער פון שטאָט, קעגן וועלדער און פעלדער און יאַרן און וועגן, וואָס פירן צו דערפער אין פרילינג, האָט ווינט געשפּילט זיך מיט רויטער פאָן.

און אין אַ פרי האָבן זיך אַלע גאַסן פון שטאָט מיט העל-רויטס באַצירט, און קינדער אין רייען אויסגעשטעלטע האָבן מיט געזאַנג פון אַלע עקן שטאָט געשפאַנט, און מוזיק האָט געשפּילט, און פאַריינען אין רייען, אין ווייסע העמדלעך, מיט בענדל רויטס און מיט קוויט רויטער אַף העמדל, און גאַנצע שטאָט, אידן פון באַ-און ארום-ראטהויז, און כאַזערניקעס פון פאָרשטאָט, כאַוער-ניקעס אויך, כאַוערניקעס פון סאַמע אונטן און באַ ווייסטסטע

זייטן גאַס, איינשליינגענדיק אין זיך און מיט כשאַד-אַריגן, — גאַנצע שטאָט האָט זיך מיט באַרג-אַראָפּ, מיט גערטנער-גאַס, אַראָפּ, צו גאָרטן טיפן געצויגן.

ס׳איז געווען ערשטער טאָג אין כוידעש מאַי, און אין גאָרטן טיפן, בײַ טייכן און העכער פון טייכן, אויף בערגלעך גרינע אַרום גאָרטן און אויף לאָנקעלעך ברייטע גאָרטנס זײַנען זיך קינדער צעלאָפן און אין קאַראַהאָדן געטאַנצט, אין קאַראַהאָדן געזונגען. און פון בימעס אויף לאָנקעלעך ברייטע, פאַר אוילעם אין גראָז צעשפּרייטן, האָט מען רעדעס געהאַלטן, און אוילעם, שטאָט איז אין גראָז געלעגן, אויסגעצויגן געלעגן, געהערט און געקוקט אַרויף, צו בלוי לייכטן אין הייך.

און פול געווען דער גאָרטן, און אין אַלייען טיפסטע, אין געדיכטע וועלדלעך אַרום גאָרטן, אין די וועלדלעך פון די אמאָ-ליקע מאַסאָווקעס, מאַסאָווקעס אין 5-טן יאָר, אין די וועלדלעך, וועגן וועלכע ס׳איז אויף יאָרן פאַרבליבן ליד אין שטאָט —

„אין די טיפע וועלדלעך הערט זיך אַ גערודער:
„ס׳האָבן זיך צונויפגענומען שוועסטער און ברידער.
„זיי האָבן זיך צונויפגענומען, מאַכן מיט די הענט,
„זיי ווילן ניט קיין קייסער, זיי ווילן אַ פּרעזידענט...״

אין די וועלדלעך האָט ווייט און נאָענט גערוישט, געהילכט מיט מענטש.

און צו טרעפּ, צו ווייסע זײַלן פון פּאַוויליאָן בײַ אַרײַנגאַנג אין גאָרטן איז אויטאָמאָביל צוגעפאָרן, און אַרום זײַנען קאָמיסאַר מיל און דער געשטופּלטער טאָמאַש און טשאַלי, און אוועק זיי-נען זיי צו לאָנקע ברייטסטער אין גאָרטן, און פון בימע אין מיט לאָנקע האָבן זיי דאָרט לאַנג גערעדט אין אוילעם אַרום, אוילעם אַרום אין גראָז קעגן בלוי לייכטן האָט געשריגן „הוראַ״.

און אויף די טייכן פון גאָרטן האָבן זיך שיפעלעך אָנגעשטאָפּטע מיט קינדער זינגענדיקע געשיפט, און שיין איז געלעגן אויף טייכן, שיין פון ערשטן טאָג אין כוידעש מאַי.

און אַף בריטסטער לאַנקע פון גאָרטן איז שוין אוילעם באַ בימע אין געדיכטער ראָד געשטאַנען, און אין מיט ראָד האָט גע־הויבן די פיס, געטופעט מיט די פיס און, פּאַנעם פאַרוואָרפן, אין רעדל געטאַנצט, אין אוילעם־ראָד טשאַלי, סעקרעטאַר פון איס־פּאָלקאָם, — טשאַלי, באַכער פון אַגראָנאָם־שול, וואָס אונטער גאָרטן טיפן, מיט גרויסער רויטער קווייט אַף העמד צעשפּיליעטן האָט „קאָזאַטשקע" געטאַנצט, און אוילעם ארום האָט מיט הענט געפּאטשט, און געפּאַטשט האָט דער געשטופּלטער טאָמאַש, און געפּאַטשט האָט קאָמיסאַר מיל.

— אָט אזוי, אָט אזוי, טשאַלי!...

און מיט פּאָנעם אין גראָז הויכן אַף בערגל אונטער גאָרטן איז באָכער טשערנסאָן געלעגן. באָכער טשערנסאָן, וואָס פּלאָנ־טערט זיך אין שטאָט הי און נים־הי און מיט אויגן צעלאָפּענע, און אין לייכטן בלוי איז דער טאָג געגאַן, און קאָפּ אין גראָז האָט געדיינקט, אלעס געדיינקט.

און רויש פון נאָענטן און ווייטן אין גאָרטן האָט צווישן, איבער ביימער געהודעט, און אין דעמבן־וועלדל אַרום גאָרטן האָבן הארמאָשקעס געשפּילט, און טאָג הויך־בלאָער האָט זיך גע־לאָסן־געלאַסן, אין שיין אין יאָנסעוודיקער צו שקיע גערוקט.

און אַז טשערנסאָן האָט קאָפּ פון גראָז איפגעהויבן, איז שוין הימל צעשטערנט געווען און שטילער געווען געזאַנג אין גאָרטן. ס'איז שוין אוילעם פון גאָרטן אין שטאָט געווען, אין שטאָט באַצירטער, העל־באַלויכטענער.

נאָר איין הארמאָשקע האָט נאָך אין דעמבן־וועלדל געשפּילט, און פּאָרלעך אין ווייסע העמדלעך האָבן נאָך אין גאָרטן אַרום־געשפּאַצירט.

און אַז טשערנסאָן איז מיט בארג־אַרוף אין שטאָט אריין גע־גאַן, האָט ער זיך אַף סטעזשקע שמאָלער באַ זייט באַרג־ארוף אין עפּעס אַ פאַרשוין אָנגעשלאָגן. ער איז, טשערנסאָן, אָפּגע־שפּרונגען, אַ קוק אַסן פאַרשוין געגעבן — אַ יונג, אַ קודלאַטער יונג, פון די יונגען, וואָס אין כאַוערניקעס־פאַרשטאָט. ער שטייט,

דער יונג, און די הענט באַ די זייטן, און ער קוקט, מיט רוגזע-אויגן קוקט ער און —

— הממם... הממם... —

און אַז טשערנסאָן איז גיך-גיך ווייטער, אַרוף-באַרג געגאַן, האָט ער דערהערט אונטער זיך דריי ווערטער, יענע דריי ווערטער, וואָס הערשן אין כאַוערניקעס-פּאָרשטאָט. און אַ קאָל אַ צעצויגנס, אַ הייזעריקס, אַ רעציכעדיקס:

— Всіх виріжемо... До останнього виріжемо..

און אין העל-באַלויכטענער שטאָט זיינען פול די גאַסן גע-ווען. און באַ הויכן פּלאַקאַט איבער ברוק פון הויפּט-גאַס, באַ פּלאַקאַט, אויף וועלכן ס'הייגנט דאָס בילד לענינס, איז געשטאַנען ר' בעריש מאַכלין, און ס'איז געשטאַנען אוורעמל דער „באָס", דער „דייטש", און ס'איז געשטאַנען ציקאַנער, דער קאַנטאָר פון דער כאָראַלער שול, און ס'איז געשטאַנען יאַנקל, ר' בעריש מאַכלינס אַמאָליקער מעשאָרעס. און ר' בעריש מאַכלין האָט דער-ציילט:

— אַז ער איז אָפּגעפאָרן, אַז זיין צוג האָט פון ציוריכער וואָקזאַל געריררט, האָט ער דעם קאָפּ פון גאַניקל אָפּפאָרנדיקן אַרויסגערוקט און מיט פויסט צו בינטל באַגלייטערס, וואָס אויף וואָקזאַל פאַרבליבן, געפאָכעט: „Мы им покажем!..." — האָט ער געשריגן און מיט פויסט געפאָכעט...

און דער זאַל פון קלוב אין נאָמען פון פּיאַנטן און אורבאַיען האָט געשיינט אין עלעקטריע, און דער געשטופּלטער טאָמאַש האָט דאָרט איבער דער בימע ארומגעשפּאַנט און לאַנג-לאַנג גערעדט.

—

דראָזשקע האָט זיך געטרייסלט, און קאָמיסאַר מיל איז מיט פאַרטפעל אונטער פאַכווע ארומגעפלויגן, און „לייע די שאַמעס-טע" האָט אין האָטעל „פראַנסואַ" מיטן „ראַבאָטשע-קרעסטיאַנסקי" באַסאַליאַן געפּראַיועט.

און שטאָט, קוקנדיק פון טראָטואַר אָפן קלייניטשקן שוואַר-ציגקן קאָמיסאַר מיל אין דראָזשקע, האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ער מעג צעיאָגט זיין, מיל, ער האָט פון וואָס צעיאָגט צו זיין...

און אין ר׳ בעריש מאַכלינס הויז האָט זיך פון לעצטער נעסיע אין קרייז-שטעטלעך אומגעקערט זיידענער יונגערמאַנטשיק כאַימל, וואָס אין קרייז-שטעטלעך ברימל און בייוול און מעל קריפט ער אויף. ער איז געשטאַנען אין קאָרידאָר אין ראָד שכיינים, און ווייב, וואָס האָט קאָם דערוואַרט אַף איב, האָט אים בא הענט געהאַלטן, און נאַקעטע קינדער הויזי האָבן אים בא פלודערן געשלעפט, און ער האָט גערעדט:

— גילט מיך אָפּ, מער פאָר איך ניט!... אַ מאַטע פון קינדער בין איך און דאָס לעבן איינשטעלן וויל איך ניט!... די דערפער קאָכן!...

און קיין כאיל איז אין שטאָט שוין ניט געווען. און צו „לייע דער שאַמעסטע“ אין „ראַבאָטשע-קרעסטיאַנסקי“ באַטאַליאָן זיינען פון אונטערגעסלעך געגאַן — יונג-פאַלגעלע, יונג-שוסטערל, יונג-שינדער-יונג, ווער ס׳איז אַף מילכאָמע געווען און ווער ס׳האָט ביקס האַלטן געקאָנט איז געגאַן צו „לייע דער שאַמעסטע“.

און אין טעג קלאָרע, טעג כיעסדיק-וואַרעמע האָבן רעדלעך אַף הויפּט-גאַס געשמיעסט:

— ער האָט סטאָג, טיין אָנגעאַרבעט אין די דערפער... און ווער ס׳זאָל אים פאַרבייטן דאָרט איז אויך דאָ.. טוט זיך עס דאָרטן אין די דערפער, טוט זיך...

און אַף בריק פון הויפּט-גאַס איז געפאָרן רייטער-טייל, פונפאָרנט — יונג 18-יעריקער, קאַצאַפּל שלאַנקס פון פערט, פונפאָרנט — „לייע די שאַמעסטע“, פונפאָרנט — שמועליק וואָלנעדרחשיניק און פונונטן אַף פערד — פאַלגעלע, שוסטערל, שינדער-יונג, שערערל:

— „Мы кузнецы и друг наш молот,
„Куем мы счастья ключи“.

— אָט פאָרן אונזערע יונגאַטשעס! אָט פאָרט אונזער „קרעסטיאַנסקי“ באַטאַליאָן! — האָט געקוקט הויפּט-גאַס.

און אַף שטאָכעטן פֿון בולוואַר קעגן שטאָטהויז זײַנען געזעסן כאַזערניקעס פֿון פֿאָרשטאָט, שטום־שווײַגנדיק געזעסן און שוין עפּעס ווי צעקייעט, עפּעס ווי פֿאַרשטאַנען, עפּעס־וואָס אין מויעך געדיכטן, אין מויעך, וואָס רירט זיך קאָם־קאָם, אונטערגעצויגן.

און טשערנסאָן איז אין גאָרטן טיפֿן ארומגעגאַן, געוואוסט, אַז מאַרוסיאַ איז שוין ערגעץ אין אַ טייל, מיט אַ מאַכנע אַ פֿויערישער אַף די שטרעקעס פֿון קאַנט, און אין רעדאַקציע נייער פֿון צייטונג נייער, וואו רעדאַקטאָר שטייט אין סעקרעטאַר, איז ער, טשערנסאָן, שאָען אָפּגעזעסן. אַף גלאַטינקע פּאַסן פּאַפּיר געשריבן פֿאַר דער צייטונג פּערזן, פּערזן פֿריילעכע און בייסיקע אין סטיל פֿון לידער פֿאָלקישע, פּערזן וועגן דעם, אַז אונטער שטולן גילדענע פֿון לאָרדן שמאַלציקע שטייט אין קייכט פֿאַר געלעכטער אַ דריטער.

דעם רעדאַקטאָר שטײַגט צונג ארויסגעשטעקטער איז נאָך אײַלנדיקער פֿון נאָכגעלאָפֿן, ער האָט הייסן לייט־ארטיקל פֿאַר צייטונג געשריבן, און אַף פּאָנעם זײַנעם קלייענדיקן האָט שמייכל געשפּאַצירט:

— אַ ווייב האָט ער, מיל, אין אָדעס... נאָר מיט דער לערערן פּאָפּאָווע איז ער עפּעס צו אַ נאָענטער מעכוטן...

און דער „קרעסטיאַנסקי" באַטאַליאָן איז מיט פּויק און מיט געזאַנג אין דערפֿער ארײַנגעגאַן. ס'האָט שטאָט געקוקט, ווי יונג פֿון פֿערם און „לייע די שאַמעסטע" פֿירן אים אוועק, דעם באַטאַליאָן, און ווי זיי ברײַנגען אים צוריק. פֿאַרשטויבט און אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן, מיט קעפּ אראָפּגעלאָזטע האָבן זיך באַכורימלעך פֿון אונטערגעכלעך פֿון דערפֿער אומגעקערט, און לעוואַיעס מיט מוזיק האָבן געשפּאַנט איבער שטאָט.

אין ר' בעריש מאַכלינס הויז, אין קאָרידאָר איז רעדל שכײַנים געשטאַנען אַרום ציקאַנערס. דעם קאָנטאָרס בענאָקל, וואָס קערט זיך אום מיט באַטאַליאָן, און דאָס בענאָקל, וואָס האָט ליב אַ טרונק און האָט ליב ביליאַרד און מאַמע ציטערט איבער אים, קעכלט אים, — דאָס בענאָקל האָט דערציילט:

— זיי האָבן דאָרט אַלצדינג, אין די דערפער. ביקסן, קוילנ־וואַרפער, אפילע קאַנאָנעס. און טאָג און נאכט זידט דאָרטן. גאַ־לעך היצט אונטער און לערער רייצט אָן. און ס׳אַ סאקאָנע אָנ־צוהייבן מיט זיי...

רעדל אין קאָרידאָר האָט געשטומט. ר׳ בעריש מאַכלינס ציוריכער קאַפּעלושל איז אפן שפּיץ קאָפּ געזעסן און ער האָט, ר׳ בעריש מאַכלין, מיט פינגער אין הייך אַריין געטייט:

— אַ כאַסענע פאַרקאָכט זיך, אידן, ניט אַף קאַטאָוועסן, גאָרניט אף קאַטאָוועסן!...

---

געווען אַ פרייטיק באַטאָג, אַ ליכטיקער און אַ גרינגער, און פאַרביי בולוואַר, פאַרביי ראַטהויז, פאַרביי קרומען באַרג, פאַרביי לעכער פון מארק אַלטן, צו נידער שטאָט, צו לעצטן אונטער־געסל, צו טויטן בריקל, צו הייליק־אָרט מיט שטיינערנעם פאַרקן, וואָס אף באַרג פליכיקן, איז געגאַן אף ברוק כאָפּטע, — קלעזמער פון אַגראָנאָם־שול האָבן געשפילט, און שמועליק וואַלנעדרוזשיניק האָט פונפאָרנט רויטע פאָן געטראָגן, און שטאָט איז נאָכגעגאַן, ביז גראָז און מאַצייוועס אף באַרג נאָכגעגאַן.

און צווישן גראָז הויכן, צעשיינטן, צווישן מאַצייווע און מאַ־צייווע, קעגן שטאָט אף קעגנדיקן באַרג אויסגעשפרייטער, איז שוין גרוב פאַר שערערל פון „קרעסטיאַנסקי באַטאַליאָן" פאַרטיק געווען. ס׳איז געלעגן שערערל, אַ צעלעכערטס, אַ צעשניטנס, און אף שכייבישער מאַצייווע איז געשטאַנען שלאַנקער 18־יאָריקער קאַצאַפּ פון פערם:

— אייביקער רום די געפאַלענע כאַווירים, און אַ שוואוּע — געקאָמע נעמען פאַר די געפאַלענע כאַווירים!...

גראָז, מאַצייוועס, און פעלד נאָענטס, און וואַלד נאָענטער, און שטאָט אַנקעגן אף באַרג אין שיין באַטאָגיקער, און באַ האָרי־זאָנט, באַ עק פעלד צעשפרייטן — איינגעבויגענער פויער באַ פערד און אַקער, און פוסציק ביקסן האָבן אָפּגעקנאַלט, צערודערט נאָענט און ווייט:

— נעקאָמע פאַר די געפאַלענע כאַווײרים !...

און אומגעקערט זיך אין פאַרנאַכט אַראָפּגידערנדיקן אַף הויפּט-גאַס, האָט טשערנסאַן באַ האָטעל „פראַנסוא“ פלוצלינג געטראָפן ראַליקן. ער האָט זיך געאײַלט, ראַליק.

— יאָ, די איז איצט אפן פראָנט, מאַרוסיא. איך בין צוליבן צוזאַמענפאָר אראָפּגעקומען. הײַנט באַנאַכט פאָר איך אין דאָרף אַרײַן געוואוירע ווערן...

און ער האָט אַוועקגעיאָגט, ראַליק.

און שאַבעס באַסאָג איז שטאָט-טעאַטער פארפוצט געווען, און אַף ארײַנגאַנג האָט פלאַקאַט לאַנגער געגלאַנצט :

„Перший селянський з'їзд повіту“...

און פאַרבײַ טעאַטער, מיט פלאַץ פאַר טעאַטער, צו סקווער שכײַנישן איז „קרעסטיאַנסקי“ באַטאַליאָן פארשטויבט, פארמאַ-טערט פון נעסיע לעצטער געגאַן, און אין אָרנדל מיט רויטס באַ-דעקט איז אָפן געלעגן ווײַס פאָנעם פון שלאַנקן פּערמער, און שמועליק וואָלנעדרוזשיניק האָט פונפאָרנט רויטע פאָן געטראָגן, און ראַליק, מיד פון אמפּערניש מיט דאָרף און נאַכט, האָט באַ זײַט געשפאַנט, און קלעזמער פון אַגראָנאָם-שול האָבן געשפילט.

און אין סקווער, אין ראָד לעבן פאָנטאַן באַ אָפענעם אָרנדל, האָט גערעדט ראַליק, האָט גערעדט דער געשטופּלטער טאָמאַש, האָט גערעדט קאָמיסאַר מ'ל, און מוזיק האָט געשפילט, און מ'האָט איבערגעלאָזט ווײַס פאָנעם קאַצאַפּישס, אַן אדרוף אַף באַרו-איקטע רויטע, אין סקווער, אין ראָד, לעבן פאָנטאַן.

און זונטיק אינדערפרי זײַנען אַף בײַנק אין סקווער באַ לאַנגע טישן געזעסן שטום-שווײַגנדיקע פויערים, פאַר גײן אין שטאָט-טעאַטער אַף צוזאמענפאָר געגעסן דעם איבערבײַסן, וואָס מ'האָט פאַר זײ צוגעגרײט. און דערנאָך זײַנען פויערים שטום-שווײַגנדיק געגאַן צו טיר, אַף וועלכער לאַנגער אופשריפט גלאַנצט:

„Перший селянський з'їзд повіту“..

און זײ זײַנען אין רײען לאַנג געזעסן, שטום-שווײַגנדיק געזעסן און געוואַרט ביז פאַרהאַנג וועט זיך אופהײבן, און אז

פאָרהאַנג האָט זיך אופגעהויבן, און מוזיק האָט אָנגעהויבן:
„Вставай, проклятьем заклейменный"...
האָבן זיך פויערים אַ שטעל אוף געטון, און טופּעניש פון פיס האָט זיך צעלאָזט איבער גרויסער קאַמער שטאָט-טעאַטר.
— זאַפּאָוויט! זאַפּאָוויט!...
זיי האָבן ניט געפויעלט. מוזיק האָט געשפּילט אירס, געענדיקט אירס, און ערשט דערנאָך אריבערגעגאַן צו דעם, וואָס פויערים ווילן. און פויערים האָבן געטופּעט מיט פיס, און אַז מוזיק איז איבערגעגאַן, האָבן פויערים שטייענדיק, רויגעודיק-פייערלעך געזונגען:
.. Як крові ворожа потече
У сине море...
און אַז ראָליק איז צו צום ברעג סצענע און האָט גערעדט וועגן שלאַכט גרויסער אלוועלטלעכער, שלאַכט אף רויט אָדער טויט — האָבן פויערים געשוויגן. און אַז צום ברעג סצענע איז צו קאָמיסאַר מיל מיט האַנט פארלייגט אין פאַס און געבליבן שטיין, גרייטנדיק זיך, מיט אויגן שארף-געווענדעטע צו שטומענדיקן האמוין אין רייען, האָט פון דיי ווייטסטער, באַ טיר געמבע קרעפּטיקע אויסגעשאָסן:
— Геть! . Геть!...
און גאַנצער שטומענדיקער האמוין איז שוין געשטאַנען, און פיס האָבן געטופּעט, און פאָנעם האָט געברענט, און פויסט האָט געפאָכעט:
Геть! .. Геть!.. ? פאַרוואָס סטאָגן דערהאַרגעט—Геть!... Геть!...
און קאָמיסאַר מיל איז בלייך, שטומענדיק געשטאַנען באַ ברעג סצענע, און אויגן ניט אָפּגעווענדעט פון קאָכעניש אין רייען. און פויערים זיינען שוין מיט פויסטן פון רייען געקראָכן צו סצענע, מיט פלאַמענדיקן פאָנעם, מיט סלונע אַף ליפּן.
— Геть, геть! .. За що Стога вбив?..
מ'האָט דעם פאָרהאַנג אַראָפּגעלאָזט, און פויערים זיינען אין בינטלעך געשטאַנען, צעהיצט געטאַינעט און מיט הענט געפאָכעט, — פאָנעם, אויגן האָבן געפלאַמט.

— דער „בידלאָ“ איז צום סייכל געקומען, טשערנסאָנעלע ? —
האָט פון רעדאַקציע-ביינקל אין ערשטער ריי איבערן אויער צו טשערנסאָנען געמורמלט רעדאַקטאָר שטיין.

און טשערנסאָנס אויגן זיינען ארומ[illegible], [illegible]בער פענעמער צעקאָכטע, האָבן זיך צוגעטשעפּעט צו [illegible] ברייטפּלייציקן פּויערל, וואָס טופּעט אין בינטל זיינעם [illegible]פּיס און רעדט גיך-גיך און טייט מיט פינגער צו פאָרהאַנג אראָפּגעלאָזטן.

מ'האָט דעם פאָרהאַנג ווידער אופגעהויבן, און אַף סצענע איז שוין קאָמיסאַר מיל ניט געשטאַנען, אַף סצענע איז קיינער כּמעט ניט געשטאַנען, און מיט הענט פון סצענע האָט ראָליק געפּאָכעט:

— Увагу! Увагу!

און אַז קאָכעניש אין רייען איז שטילער געוואָרן, האָט ראָליק אַף לאָשן פון דערפער ארום שטאָט גערעדט:

— כ'וועל איבערלייענען פאַרן צוזאַמענפאָר די טעלעגראַמע פון צענטר, וואָס איז ערשט באַקומען געוואָרן.

שטילער, שטילער !

און פּויערים זיינען אין רייען געשטאַנען, געשוויגן, געוואַרט.

און ראָליק, אָנגעשפּאַרט די האַנט אין רעוואָלווער, וואָס בא זייט לעדער-רעקל, האָט געלייענט:

... „Перший селяський з'їзд повіту личити роз-пущеним“...

רייען זייגען אַ רעגע געפּלעפּט געווען, און דערנאָך האָבן רייען זיך צעהודעט, און דערנאָך האָבן רייען זיך צע-דונערט.

גרויסע קאַמער שטאָט-טעאַטר האָט מיט פיס געטופּעט:

— מיר ווייסן, מיר קענען אייך !... די טעלעגראַם האָט איר דאָ צונויפגעשטעלט !... מיר קענען אייך !...

נאָר פאָרהאַנג איז שוין אַראָפּגעלאָזט געווען. און מוזיק האָט שוין געשפּילט:

... „Это есть наш последний и решительный бой“...

און פויערים האָבן גערעוועט, פויערים האָבן געטופעט, פוי-רים זיינען מיט פויסטן צעפּאָכעטע צו פאָרהאנג אראָפּגעלאָזטן געקראָכן.

און דערנאָך זיינען פויערים שטום-שווייגנדיק געזעסן אין סקווער שכיינישן, דעם ווארעמעס, וואָס מ'האָט פאַר זיי צוגע-גרייט, געגעסן. און דערנאָך זיינען פויערים מיט קאָפּ אראָפּגע-לאָזטן, מיט שפּאַן האַרטן, מיט קוק קרומען אין טונקל פון פאַר-נאַכט דורך גאס און אונטערגאס, צו פעלד, אהיים אין דערפער אַריין געגאַנגען.

און אַף ברוק פון הויפּט-גאַס האָט געשפאנט דער „קרעסטיאַנ-סקי" באַטאליאָן, און שטאָט האָט פון טראָטואַר געקוקט:

— פּאַלגעלע, שוסטערל, שינדער-יונג, שערערל, — פּארמאַ-טערט זיינען זיי, נעבעך...

און פענצטער פון איספּאָלקאָם אין שטאָטהויז אפן דריטן גאָרן האָבן זיך העל-באַלויכטענע איבער שטאָט געהויכט. און נאָכט פון כוידעש מאי, אַ ווייסע, אַ זיסע, אַ מליענדיקע האָט איבער שטאָט געאָטעמט. און שטאָט-מיידל אין דינער ווייסער בלוזע האָט זיך אין סקווער ארום ראָד, ראָד מיט קאצאפּל פון פערם אינמיטן, מיט שטאָט-באָכער ארומגעדרייט. און געשלעפּט האָט דער באָכער אהין, וואו שטילער איז, אַהין, וואו טונקעלער איז, און שטאָט-מיידל האָט געפּאָלגט, שלעפּן זיך געלאָזט מיט גערטנער-גאַס באַזילבערטער, אַראָפּ, צו גאָרטן טיפן אין שיין, צו גראָז הויכן אַף בערגל אונטער גאָרטן טיפן.

און אז אף גאסן, וועלכע ס'היט לעוואָנע, איז איינגאַנצן ליידיק געוואָרן, איינגאנצן שטיל געוואָרן — דירע פארשפּארטע שלאָפט, — האָבן זיך פענצטער פון איספּאָלקאָם אין שטאָטהויז אפן דריטן גאָרן אויסגעלאָשן. און פאַרביי סקווער, פאַרביי איי-זערנע שטאַכעטן פון סקווער-פּאַרקן, פאַרביי הייזער צוויי-שטאָ-קיקע, אַראָפּ, צו בריק, צו וואָקזאַל האָט „קרעסטיאַנסקי" באַ-טאליאָן דורכגעשפאנט, איינגעגורטעט און פאַרזיכטיק-טרעטנדיק, קאָמיסאַר מיל פונטאָרנט, געשטופּלטער טאָמאַש פונטאָרנט און

דאַליק בּאַ זייט, מיט האַנט אָנגעשפּאַרטער אָן רעוואָלווער אַף לעדער-רעקל באַ זייט.

און ליידיק און באַזילבערט געווען גאַסן אין נאכט מליענדי-קער, און דירע פּאַרשפּאַרטע איז געשלאָפן.

און אַז דירע פּאַרשפּאַרטע האָט זיך אופגעכאַפּט, אַז דירע פּאַרשפּאַרטע האָט טירן געעפנט און איז אַף גאַסן ארויס:

— זיי זיינען שוין נישטאָ!... זיי זיינען שוין נישטאָ!...

און געקנאַלט האָט שוין אין פעלד ארום שטאָט, פון אלע זייטן, פון יענער זייט זאוואָד, פון יענער זייט גאָרטן טיפן, פון יענער זייט טורמע, פון יענער זייט צווינטער „פייגעריוקע", פון פעלד, וואָס אַף יענער זייט וואָקזאַל.

און פרי געווען, מאַי-פרי העל-זוניקער, און אַ איד איז אינ-מיטן צוויי גאַסן שטיין געבליבן, מיט הענט צעווייטע, מיט אויגן אַוועקגעבלאָנדזשעטע און אַ שטעל געטון פוס שיקערן אַף איין טראָטואַר, און אַ שטעל געטון פוס שיקערן אַף צווייטן טראָטואַר, ניט געוואוסט וואוהין, — באָכער זיינער, וואָס טרעפט אים דאָ פלוצלינג, האָט אים באַ ארבל געשלעפּט:

— טאַטע, טאטע די שטוב אונזערע איז דאָך דאָרטן, אראָפּ! וואוהין גייסטו עס, טאַטע!

און טאטע האָט אויגן אוועקגעבלאָנדזשעטע געהויבן:

— ה?... וואָס זאָגסטו?... אראָפּ?...

און אין שטאָטהויז צווישן פּאַפּירן און פּאפּירן צעשאָטענע איז אַ אינגל באַ טישל געשטאַנען, און פון אלע גאסן זיינען יונגען און יונגלעך פון שטאָט געלאָפן, געשטופּט זיך צו טישל:

— דו פאַרשרייבסט, פאַרשרייבסט אין „אָבאָראָנע"?

און געקנאלט האָט שוין שטאַרקער ארום שטאָט, און אינגל פון טישל צווישן פּאפּירן צעשאָטענע איז שוין אוועק, און אלע יונגען און אינגלעך זיינען שוין אוועק אהיים, צו שטוב צעפּאָ-לאָכעטער, צו מאמע פיבערנדיקער.

און אַף ברוק פון הויפּט-גאַס האָט געיאָגט דראָזשקע, אין דראָזשקע איז באַ קוילנוואַרפער אַ צעפלאקערטער געשטאַנען

„לייע די שאַמעסטע". טשערנסאָן איז בײַ בערג טראָטואַר גע־שטאַנען, געקוקט אויף אים: עפּעס שרייט ער, „לייע די שאַ־מעסטע", עפּעס ווילד שרייט ער און יאָגט די דראָזשקע, יאָגט.

און רעדאַקטאָר שטיין איז מיט הענט אין קעשענעס, מיט פּאָנעם צעיאָגטן פאַרבײַגעלאָפן.

— ס'האַלט שמוציק, טשערנסאָן. דערפער פון אַרום און אַרום קומען צו אונז צו גאַסט!... מע דאַרף גיין דאָס ווײַב באַהאַלטן!...

און ער האָט מיט האַנט אַ מאַך געטון און האָט אויסגעשפּיגן:

— ס'האַלט זייער שמוציק, טשערנסאָן!...

און ער איז אַוועק.

און שטאַרקער האָט געקנאַלט אַרום שטאָט. און פון ר' בע־ריש מאַכלינס הויז האָט זיך אוורעמל ציקאַנער, דער קאַנטאָר פון דער כאָראַלער שול, געלאָזט מיט ווײַב און מיט קינד גיין ערגעץ, ערגעץ צו אַ פּאָרעצל אַ באַקאַנטן אויף אונטערגעסלעך פּריצישע.

נאָר נאָענט, גאָר נאָענט האָט שוין געקנאַלט. און ער האָט זיך צוריק אומגעקערט, אוורעמל ציקאַנער, מיט ווײַב און מיט קינד אומגעקערט.

און ר' בעריש מאַכלין איז אין בעט געלעגן, מיט אויגן צו סטעליע געלעגן און געשוויגן. און יאַנקל, ר' בעריש מאַכלינס אַמאָליקער מעשאָרעס, האָט מיט העמערל טיר פון קלייט אונ־טערשטער, פאַרבאַהאַלטענער געפּרוּווט, און שכיינים פון קאָרי־דאָר זיינען אַרום געשטאַנען.

— אָ־די טיר וועט מען אַזוי גרינג ניט נעמען, אַט־דאָ וועט זיין זיכערער, — האָט גערעדט יאַנקל, ר' בעריש מאַכלינס אַמאָ־ליקער מעשאָרעס. און שכיינים אַרום האָבן מיטן קאָפּ אויף יאָ געשאָקלט.

און פון אַלע זייטן שטאָט האָט געקנאַלט. פון פעלד אויף יע־נער זייט וואָקזאַל, פון יענער זייט זאַוואָד, פון יענער זייט טורמע, פון יענער זייט גאָרטן טיפן איז געלאָפן דאָרף, מיט גאָפּל, מיט

גראָב-אייזן, מיט „אָדריז", מיט היטל אויסגעדרייטן, — דאשעק אַף צוריק, — מיט אויג אָנגעצונדס געלאָפּן. און פון יענער זייט צווינ-טער „פּייגעריוועקע", פון כאַזיירניקעס-פּאָרשטאָט האָבן געיאָגט זיך — מיט ביקסן, אַף צווינטער „פּייגעריוועקע" נאָך פאַרן דייטש באגראָבענע, און מיט באָנים ווילדע, יונגען קודלאטע האָבן גע-יאָגט זיך די כאַזיירניקעס.

און דעם ערשטן טאָג איז אַף טראָטואר אונטער דירע זיי-נער געלעגן צעשמעטערט בראַוער, דער בייזער דאָקטאָר בראַווער, וואָס נאָך פאר אַ אינגל אַן אָפּגעריסענעם געדיינקט אים שטאָט, — „ס'איז אים מיט גרינע ווערים אָנגעקומען, ביז ער איז א לייט געוואָרן", פלעג שטאָט רעדן וועגן ביין דאָקטאָר בראַווער, וואָס לאָזט דעם כוילע קיינמאָל קיין וואָרט ניט אויסרעדן, — ער איז, דאָקטאָר בראַווער, אַפּן בוידעם אַרוף, און דורך פענצטערל אין בוידעם האט מען אים ארויסגעשליידערט.

און אַף האָטעל-גאַס, גאַס פון סקווער, זיינען אונטער גאַ-ניקל פון דירע זייערער געלעגן צוויי באַכורימלעך יונגע, מיט פּענעמלעך געלעכערטע, — די שאַטינס, די בעסטע פידלער פון שטאָט, די שאַטינס.

און בא האָטעל „פראַנסואַ" איז אויסגעצויגן, מיט קאָפּ אַראָפּ, אין סוויטע פויערישער געלעגן טשאלי, יונג פון אַגראָנאָם-שול, סעקרעטאַר פון איספּאָלקאָם — טשאלי.

און בא נידער פון שטאָט אַף בערגל זיינען געלעגן צוויי יונגען לעדערוואַרגער, וואָס זיינען געקומען צו לויפן צו גוי באַקאַנטן, קוינע שטענדיקן זיך באהאַלטן, און גוי באַקאַנטער האָט זיי מיט ביקס אייגענער געשאָסן.

און אונטערן בערגל בא נידער פון שטאָט איז צעשפּרייט געלעגן קיווע דער מעשוגענער, וואָס פלעג מיט היגער האַנדלען, וואָס פלעג אין קלייט, אין שטוב ארייננפליען:

— נאַ דיר א גראָשן, גיב א קאָפּקע!..

און גאַסן און דירעס האָבן געקערט דעם גראָב-אײַזן, דעם „אָדריז“, דער ביקס, וואָס איז באַגראָבן אַף צווינטער „פּײַגע-ריזוקע“ נאָך פאַרן דײַטש. און אַף גאַס לײַדיקער, אַף דאָרף און מיט-גאַס שטאָטישער, אַף דירע פאַרשפאַרטער און אַף אַלץ, וואָס אין דירע פאַרשפאַרטער טוט זיך, האָט נאַכט אַראָפּגענידערט.

די נאַכט איז א מאַי-נאַכט געווען, און אין דער נאַכט איז די לעוואָנע פאַרגאַנגען רויט, און אין האָטעל „פראַנסואַ“ און אין שטאָטהויז האָבן יונגען קודלאַטע געזונגען אַ גאַנצע נאַכט.

און דעם צווייטן טאָג האָט זיך אין דירעס פאַרשפאַרטע גע-טון, און פון דירעס פאַרשפאַרטע האָט מען בינטלעך געפירט, פון אַלע עקן און פון אלע זײַטן געפירט. פון ר׳ בעריש מאַכלינס הויז, פון קלייט אונטערשטער, פאַרבאהאַלטענער האָט מען פיר פאַרנומען, — יאַנקלען, ר׳ בעריש מאַכלינס אַמאָליקן מעשאָרעס, כאַימל, דעם זיידענעם יונגערמאנטשיק, וואָס קויפט אין קרייז-שטעטלעך אײַן בוימל און בייוול און מעל, אַוורעמלען, דעם קאַנטאָר פון דער כאָראלער שול, און זײַן ווײַב — דאָס ווײַב איז אליין מיט געיאָמער — „אוורעמל! אַוורעמל!“ נאָכגעלאָפן. ר׳ בעריש מאַכלין האָט אויבן גוי מיט בולמע אף אויג, מיט דובינקעלע אונטער פאַכיוע, געגעבן טרינקען ווישניאַק, און גוי האָט געשמאַק געטרונקען: „נאָך! נאָך!“, און אונטן האָט האמוין געקאָכט, שייגעצל בלאָנדס פון פאָרשטאָט איז אין האַמוין מיט אייגלעך גיריקע אַרויסגעשפּרונגען.

און צו מיט-שטאָט, אַף הויפּט-גאַס האָט מען בינטלעך גע-בראַכט, און לאמצימצאקאם, דער מעשוגענער גוי, יענער מעשו-גענער, וואָס פלעג בעאייס מילכאָמע צו אָפּיצערן אף הויפּט-גאַס צושטיין:

— Не майте чим стріляти?
Г... стріляйте!!..—

לאמצימצאַקאָם האָט מיט שטעקן איבער קעפּ געבויגענע גע-האַקט, און צו פלאַץ הוילן אונטער טורמע, צו סעלזן אין גאָרטן טיפן האָט מען בינטלעך געפירט.

און דעם דריטן טאָג האָבן גלעקער פון קלויסטערס געקלונגען, און גאָלעך האָט אויף פלאַץ בײַ קלויסטער רעדעס געהאַלטן, און בינטלעך האָט מען געפּירט.

און דעם פערטן טאָג — און דעם פינפטן טאָג — דעם פינפטן טאָג זײַנען פורלעך נאָך פאָרבײַ ראַטהויז, פאָרבײַ לעכער פון מאַרק אַלטן, פאָרבײַ קרומען באַרג, צו נידער שטאָט, צו טויטן בריקל, צו בײַס-אוילעם גרייזיקן אויף באַרג געפאָרן, און אַ פויער אַ באָרוועסער איז אין מיט-גאַס געשטאַנען, מיט „אָדריזן" געפּאַכעט:

— Близько до них не підходь!

און הענט מיט פיס צונויפגעפלאָנטערטע פאָרן זיך אויף פורלעך געהעצקעט, און פון דירעס פאַרשפאַרטע האָט מען זיך געקוקט, אַראָפּ, צו נידער שטאָט צו טויטן בריקל, צו בײַס-אוילעם אויף באַרג העלפן באַגראָבן.

און אויף בײַס-אוילעם אויף באַרג זײַנען רייען געלעגן, אידן פון נײַער שטאָט, און אידן פון אַלטער שטאָט, און אידן פון בײַ-און אַרום-ראַטהויז.

און שטאָט-מיידל מיט האָר צעפּאַטלטע, מיט ברוסט צעריסענער, און יאַנקל ר' בעריש מאַכײַנס אַמאָליקער מעשאָרעס—מיט ציין צעשטשערעטע אַרויף-צו, צו הימל, צו מאַי-זון אין הימל, און כאַימל, זיידענער יונגערמאַנטשיק, מיט זשילעט פאַרבלוטיקטן, און אַוורעמל ציקאַנער מיט האַלז צעשניטענעם, מיט באַק-ציינער דורך ברייטער לאָך אין באַק אַנטפּלעקטע, און זיין ווייב — איטע — מיט קאָפּ אָנגעלענטן אויף אים, מיט קאָפּ צעשויבערטן, צוגעטוליעטן צו ברוסט אַוורעמלס, מיט פּאָנעם פאַרגליווערט-פאַרוואָרפנס, און אידן, אָן אַ שיר אידן. 80 זײַנען שוין געלעגן אין גרוב פּיסן בײַ ווינקל פאַרקן, און נײַע רייען ווײַנען בײַ פאַרקן אויסגעצויגן געוועזן, און פּירלעך נאָך פורלעך זײַנען געפאָרן. און פויער הוילנאַקעטער האָט געגראָבן, אָפּגעשטעלט זיך אויף אַ רעגע, אַ ציגאַר פאַרדרייט, אויסגעשפּיגן און געגראָבן, און ווײַבער האָבן ניט געוויינט.

און פארבײ פארקן, פון פעלד, צו נידער שטאט האבן גע-ריטן יונגען פױערישע אף פערד היציקע:

„По-пе-ре-ду До-ро-шен-ко
Веде свое військо,
Військо запорожске
Хо-ро-шень-ко...

און בא סאמע װינקל פארקן איז לעבן טאטן און לעבן ברו-דער אױסגעצױגענע געלעגן קלײן אינגעלע מיט היטל אף פאנעם, מיט פיסל פארבלאװטע, און א הינטל, אפן פעלד אנגעלאפנס, האט פיס באשמעקט, צוגעטראטן, אפגעלאפן, צו און װידער באשמעקט. און װײבער האבן ניט געװײנט, ניט געטארט װײנען.

— מירן גײן, איציק?

האבן זײ בײדע מיט אונטערגעסלעך גערוקט זיך צוריק, טשערנסאן מיט אורעמל ציקאנערס זון. געטרײסלט האט פאכעד אורעמל ציקאנערס זון:

— איציק, אט-דורך-דאװנעט? דא װעלן מיר זיך אן זײ ניט אנשלאגן? דורך דאװנעט?

און פון אונטער ראגן האבן זײ ארױסגעקוקט און זיך װײטער גערוקט און גערוקט צו ר' בעריש מאכלינס הױז, און אין צי-מער איבערגעקערטן, װיסטן, צװישן מעלער צעבראכענע און דערנאך אין קיך פינצטערער, אין אױװן און אין אײװעלע האט פרישע, אורעמל ציקאנערס זון, געזוכט, גענישטערט, געקלאפט, געריסן:

— עפשער אט-דא, איציק?

ס'האט מיט אים געװארפן, און ער האט געקלאפט אין אײ-װעלע, א העמערל געפונען און זײטלעך פון אײװעלע אפגע-קלאפט און דעם קאפ אין אײװעלע אַרײנגערוקט:

— עפשער אט-דא, איציק?

און טאפקאלטאך האט ער פריער קאפ זײנעם פון אײװעלע ארױסגעבראכט און דערנאך האנט, האנט אין אש און עפעס אין האנט ארױסגעשלעפט, און אף פאנעם זײנעם אין אש האבן זיך

ט־ערן טראָפּנדלעך געקייקלט, און ער איז צום טיש, צו טיש צעקלאַפּטן, צעוואַלגערטן אין מיט-צימער איבערגעקערטן צו:

— ס'איז דאָ, איציק!..

און ער האָט פון האַנט צוויי פּעקעלעך, קליינינקע, אין פּאַ-פּיר פאַרוויקלטע אַף טיש אַראָפּגעלאָזט. און מיט הענט ציטערנ-דיקע האָט ער פּעקעלעך אופגעריסן און מיט טראָפּנדלעך אַף פּאָנעם, מיט הענט פיבערנדיקע האָט ער גיך-גיך געציילט: 20... 40... 70...

— 200 ניקאָלאַיעווער, איציק!..

און אַף פּאָנעם זיינעם האָבן טרערן טראָפּנדלעך געגלאַנצט.

און דעם זעקסטן טאָג איז טשערנסאָן מיט בלעטל פּאַפּיר, צייגעניש אין קעשענע:

„Дано це подсвідченя громодянину Черньсону на право шукания трупів в місті та околицях“."

מיט גערטנער, גאַס אַראָפּ, צו גאָרטן טיפן, צו פעלזן אין גאָרטן טיפן געקומען, געזען: פעלזן איבער סאַזשלקע, לעבן בערגל, איבער גאָרטן טיפן, אין בלוט. און אַף הויפּט-גאַס, בײַ האָטעל „פראַנסואַ“ איז פוילישע כאַפּטע פאַרשפּעטיקטע, ערשט-געקומענע, גוי און גויע און שייגעץ מיט גאָפּל און גראָב-אייזן און „אָדריזי“ געשטאַנען, און יונג קודלאַטער, שיקערער האָט פון שטאָק העכערן אין האָטעל „פראַנסואַ“ קאָפּ אַרויסגערוקט און גערעוועט און, היפּע לאַנגע אַראָפּוואַרפנדיק, מיט פויסט געטייט:

— אהין, אהין!..

און פוילישע כאַפּטע פאַרשפּעטיקטע איז פאַרביי סקווער, אַראָפּ, צו בריק, צו וואָקזאַל געגאַן.

און אין סקווער האָט מויד פון כאַזערניקעס-פאַרשטאָט גע-שפּאַצירט, געדרייט זיך אַרום ראָד. — פערמער שוין ניטאָ אין ראָד, פערמער טאַר הינט אַף פּלאַץ הוילן לעבן טורמע אַרויסגע-שליירערט! — געדרייט זיך מיט טעלעגראַפיסט האָט מויד פון כאַזערניקעס-פאַרשטאָט און געקוויטשעט און געלאַכט.

און דעם זיבעטן טאָג — דעם אַכטן — דעם נײַנטן — דעם צוועלפטן — אין דער טיפעניש פון נאַכט נאָך צוועלפטן טאָג האָט געבומבעט, פון פעלדער, וואָס צווישן טורבע און יאַקוואל און נאָענטער באַן-סטאַנציע, האָט געציטערט. און קלויסטערס — אַלע קלויסטערס פון שטאָט און פאַרשטאָט האָבן געקלונגען. און ס׳האָט געריסן און ס׳האָט געשניטן ליפט איבער שטאָט ביז פרי. און אין בלייכן פון פרי האָט אין פערטקע פון הויז אונטער ר׳ בע-ריש מאָכלינס הויז אָנגעקלאַפּט וואָלאָדי. אייזעבל ציקאַנערס בענאָקל. וואָס איז מיט „קרעסטיאַנסקי באַטאַריאַ" אַוועק. ס׳האָט אים, וואָלאָדיען, פון פענצטער הויכן דערזען. און ביילא, ברודער זיינער, איז צו איב. צו פערטקע, עפענען אַראָפּ. און שבײַנים בא פענצטער הויכן האָבן געקוקט: ער שטייט וואָלאָדי און לערער-רעקל, מיט באָמבעס צוויי אין פאַס פון יענער זייט פערטקע. און נאָך איידער פערטקע עפנט זיך — שפּאַנט ער אַוועק וואָלאָדי. מיט שפּאַן האַרטן שפּאַנט ער אַוועק. און די באָמבעס בא זייט פאַס וויגן זיך. און ביילא עפנט פאַרטקע אים און שרייט נאָך:

— וואָלאָדיא.

נאָר וואָלאָדיע גייט ניט וואַנט אין צוריק אַ טאָג שפּאַנט אַוועק.

און אַף נאַכט פון טײַער פון בריק פון יאַקוואל האָבן אין פרי צעשפּרייטן באַרייטע אָפּגעריסענע-אָפּגעשליסענע נאַרפאַ-רעכטע, ניט-אויסגעשלאָפענע געשפּאַנט פאַרגעריע שיסטערל, שינדער-יונג, שערעל — „קרעסטיאַנסקי באַטאַריאַן", ווי האָבן זיך צעלייגט בא אײַזערנע שטאַנגען פון טײַער-פאַרקן, און חייבער און קינדער און שיקסטער איז מאַכט פון אַלע עקן שטאָט זיינען געלאָפן אין יונגע קינדער אײַגענע האָבן דער-ציילט:

— ווייטער פון דער 4-טער באַן-סטאַנציע זיינען מיר ניט אַוועק. היינט איז געקומען מיט אונז אַ בראָנעוויק אַמן יאַקוואל שטייט ער. אַ פּאָלק אַ גאַנצער קומט מאַרשאַט אויך אין שטאָט אַרײַן. די שטאָט איז באַוואָרנט.

און צו שטאָטהויז, צו פאפירן און צעשאָסענע, האָבן דורכגעשפאנט קאָמיסאר מיל, געשטופלטער טאָמאש, ראָליק דעם קאָפ אָנגעבויגן, די האנט אָנגעשפארט אף רעוואָלווער, וואָס בא זייט פאס, ראָליק.

און רעדאקטאָר שטיין האט שוין טשערנסאָנען אף הויפט-גאס אריבגעשלעפט:

— א טויאָרע, אז זיי האָבן זייער א שלעכטע רייזע געהאט. אף דער 4-טער סטאנציע האָבן זיי פון פאָלק זייערן, וואָס דאָרט געשטאנען. דער פאָלק, וואָס קומט היינט ארייִן צו אונז, גאָר א טשיקאווע באגעגעניש באקומען. „קאָמונדיא!" — האט זיי כעוורע שיקערע פון פאָלק געשריגן, און א טויאָרע קלעפ געגעבן זיי. זיי געפרעגט עס דיר, טשערנסאָנערע?

און דירע פארטפאַרטע האָט אף גאַסן אַרומגעשפאַנט, און „לייע די טאַמעסטע" האָט דעם אַמאָליקן פארקויפער פון אַמאָליקער „באַנאַפאַלקע" גיי באַוואָרנט פון „סאָיוז רוסקאַוואָ נאַראָדאַ" אַמאָליקן פון נידער-שטאָט געפירט. און עפעס האָט געשטאָמלט טאָנאַפאָלשטשיק. און „לייע דער שאַמעסטעס" רעוואָלווער איז באַ שלייף טאָנאַפאָלשטשיקס געהאַנגען. און „שווייג" האָט „לייע די שאַמעסטע" געשריגן און צי טויערן אָפענע פון ברייטן „פאָ-ושאַרנע"-הויף האָט ער דעם טאָנאַפאָלשטשיק געפירט.

און אַז ס'האָט גענומען טונקל ווערן זיינען פון בריק, פאַרביי סקווער, צו האָטעל „פראַנציאַ" געפלויגן אַף פערד פאַרשוויצטע אין העל-רויטע פלודערן צעפאַרטעטע רעוועגדיקע — און אַז ס'איז טונקל געוואָרן, איז בא האָטעל „פראַנציאַ" אף טראָטואר לאַנגער טעפיך צעשפרייט געווען און טאַפטע אין רויטע פלודערן האָט אים טעפיך געטאַנצט:

„Я на бочке сижу,

А над бочкой — птичка

Мой миленький — большевик

А я — большевичка

און רייטער אין רויטע פלודערן האָבן זיך איבער שטאָט גע-
יאָגט, און שטאָט איז שוין צוריק אין פארשפאַרטע דירעס געווען.

און אַפּדערנאַכט איז טשערנסאָן געקומען אין שטאָטהויז, לאַנג אַרומגעשלעפּט זיך איבער צימערן נים באַלויכטענע, עפּעס אַרומגעזוכט און ענדלעך ערגעץ אין אַ ווייטסטן, פינצטערן צי-מער געטראָפן בא טיש איינעם אַ שלאָפנדיקן מיט קאָפּ אָנגע-שפּאַרטן אַף הענט צעשפּרייטע אַף טיש. ער האָט, טשערנסאָן, אַ שטילן צי געטון באַם אקסל דעם שלאָפנדיקן:

— ראָליק!...

און ראָליק האָט זיך אַ כאַפּ אוף געטון, האַנט אַ שטרעק אויס געטון צום גלאַנצנדיקס אַפן טיש, נאָר אַרומגעקוקט זיך און בלייך צעשמייכלט זיך:

— האַ—האַ, טשערנסאָן! זיך, טשערנסאָן!...

פון הויפּט-גאַס האָט זיך געטראָגן ווילד, שיקער געזאַנג, און ראָליק האָט דערציילט, אַז יאָ, אַפן פראָנט איז מאַרוסיע, נימעס געוואָרן איר אין גובערניע-שטאָט, אַפן פראָנט איז זי, און שטייענדיק באַם פענצטער, די האַנט אַרופגעלייגט אַף טשערנ-סאָנס אַקסל, צוהערנדיק זיך צו די קוילעס פון הויפּט-גאַס, האָט ראָליק געזאָגט:

— באַנדיטן איז עס, פאָלקאָמע באַנדיטן. אַ דריי פערטל פון זיי דאַרף מען אויסשיסן. נאָר פון דאָרף צעבונטעוועטן, פון פע-טליורען זיינען זיי די בעסטע באַוואָרעניש. שלאָגן שלאָגן זיי זיך אין שלאַכט ווי שיידים. פאַר שלאכט, צווישן שלאכט, אין שלאכט איז אייגס: לאָז זיי הוליען!... מאָרגן פאָר איך אין גו-בערניע-שטאָט זען, מע זאָל אַ זיכערע טייל אַהער אַראָפּשיקן...

— מאָרגן פאָרסטו אוועק?

— יאָ. מיטן בראָנעוויק, מאָרגן אינדערפרי.

— מיטפאָרן קאָן מען מיט דיר, ראָליק?

— דו?... מיטפאָרן?... פאַרשטייט זיך, פאַרשטייט זיך, טשערנ-סאָן!... הער, טשערנסאָן: ס'איז דאָך אַ גלענצנדיקער איינפאַל. וואָס וועסטו זיך דאָ אַרומפּלאָנטערן?... קום מאָרגן אַפן וואָקזאַל

און פּאַרטיק. אין אַ טאָג זיינען מיר אין גובערניע-שטאָט. איז געמאַכט? יאָ? קומסטו מאָרגן אינדערפרי?

און באַ טיר האָט ער אים ארומגענומען, ראָליק, און האָט אים געדריקט און פון טיר נאָכגעקוקט, מיטן פינגער געפּאָכעט:

— איז זע-זשע: קום!...

---

אַפן לאַנגן רויטן טעפּיך באַ האָטעל „פראַנסואַ" האָבן 30 האַרמאָשקעס געשפּילט, און אַ לאַנגער באָכער אין רויטע פּלודערן האָט געטאַנצט:

— „Эх, яблочко,
Ку-да ко-ти-шь-ся?"

און מיידל, ווייבל האָט ניט געטאָרט די גאַס דורכגיין.

און דער פרי איז אַ קלאָרער געווען, און דער צוג האָט פון וואָקזאַל געדירט, פונפאָרגט — בראָנעוויק, אין זיך פּאַרטונענער, מיט אייגנווערדע און מיט דראָ-שטימען — „אַ זאס!"...

און פעלדער אוקראַינישע, פעלדער אין מאַי-כוידעס זיינען פאַרביי צוג געפלויגן, און ראָליק איז אַף יעדער סטאַנציע מיט רעוואָלווער אין האנט צו „דעזשורנע" און צו „סמאַזשיק" גע-לאָפן, און „דעזשורנע" האָט געפאָלגט און „סמאַזשיק" האָט געפאָלגט און צוג איז ווייטער געפלויגן.

און פאַרנאַכט זיינען זיי שוין געווען אַף דער גרויסער מיט-סטאַנציע, און דער בראָנעוויק האָט זיך פון זיי אָפּגעקייטלט, און זיי זיינען אַף סטאַנציע, וואַרטנדיק אַף צוג, אין מיט האמוין רויטאַרמייאישן געשטאַנען, און פאַרשוין אין מאַנטל קאווקאַזער מיט פּאָנעם מיזרעכישן, פּאָנעם, וואָס גיט יעדער רעגע אַ טאַנץ דעם „טאַנץ פון הייליקן וויט", פאַרשוין האָט ראָליקן געפּאַטשט אין פּלייצע, אַף רוסיש צעקאַליעטשעטן גערעדט:

— ס'וועט זיין רעכט, ראָליק. מיין כעוורע וועט די שטאָט אין די הענט אריין נעמען. זאָרגט ניט, ס'וועט זיין, ווי ס'דאַרף צו זיין!...

און ארום האָבן געשמייכלט כעוורע. רויטאַרמייער, לאַטישן, מאָדיאַרן, אידן, כאָדים, — „אינטערנאַציאָנאַלער פּאָלק", וואָס

נבערניע-שטאָט שיקט פאַר קרייז-שטאָט. געפּאַטשט האָט כעוורע ראָליקן אין פּלייצע:

— ס'זײַנען זײַן רעכט, ראָליק...

און ראָליק איז ערגעץ אוועק, און טשערנסאָן האָט אף אים אין וואַגאָן געוואַרט, און אַז ראָליק האָט זיך אומגעקערט, מיט בינטל פרישע צייטונגען אומגעקערט, האָט ער, ראָליק, געשטומט, געלעגן אויסגעשפּרייט אף באַנק און געשטומט, און אַז צוג האָט ווידער געריגרט און זיך צעלאָזט, צעפלויגן, האָט ראָליק טשערנסאָנען אַ צייטונג דערלאַנגט:

— נאַ, לייען, טשערנסאָן!...

און אין צייטונג-שפּאַלט, אין ווינקל אויבן האָט טשערנסאָן מיטאַמאָל דערזעען: אַ גרויסע, שוואַרצע ראַם, און אין ראַם —

„דעם 10-טן מאַי איז אפן פעטליורישן פראָנט אומגעקומען כ-טע מאַרוסיע מענטשינא..."

ראָליק איז געלעגן אויסגעצויגן אפן באַנק, מיט פּאָנעם צו וואַנט, און טשערנסאָן איז געשטאַנען באַם פענצטער, קעגן פעלד פאַרביי פליענדיקן.

און אין אַ שאָ אַרום זײַנען זיי ביידע באַם טישעלע אין ווינקל וואַגאָן, באַ ליכט געזעסן, געשפּילט אַ שאָך.

— היט זיך, טשערנסאָן!... דער „לויפער" דײַנער!.. היט זיך!..

און פעלד אָוונטיקס איז פאַרביי צוג געפלויגן.

און אין ריכטונג קעגנאיבערדיקער, אין צוג פליענדיקן צו שטאָט, ווי זי ליגט צווישן פעלדער אוקראַאינישע, זײַנען באַ צע-פּראַלטע טירן פון „טעפּלושקעס" געשטאַנען, געזעסן לאַטישן, כאַדיס, אידן, מאַדיאַרן, — „אינטערנאַציאָנאַלער פּאָלק". אינאָוונט אף פעלד אוקראַאינישן האָבן זיי געזונגען די ליד וועגן דעם, אַז

„ס'איז שוין דער לעצטער
און אַנטשיידענער שטרייט..."

און ווינטל לייכטס, אָוונטיקס האָט זיך מיט די קלאַנגען אף פעלדער אוקראַאינישן געשפּילט.

# פאָפּולערע ביבליאָטעק

(סעריע בעלעטריסטיק — פאַר דערוואַקסענע)

ק.


1. דזשעק לאָנדאָן — אין נאָמען פון גערעכטיקייט . . . . . . . . 15
2. אי. באבעל — דערציילונגען . . . . . . . . . . . . . 15
3. הענרי — די וועגן, וואָס מיר קלייבן זיך אויס . . . . . . . 15
4. זש. דיומעל — דערציילונגען . . . . . . . . . . . . . 15
5. סאַלטיקאָוו-שטשעדרין — ווי אַזוי איין פּויער האָט צוויי גע-
נעראַלן געהאָדעוועט . . . . . . . . . . . . . . 12
6. ה. אועלס — גאָט — דינאַמאָ . . . . . . . . . . . . 12
7. ל. פראנק — אין לעצטן וואַגאָן . . . . . . . . . . . 15
8. רע-ווער-סטעקפּול — אין די וועלדער פון קאָנגאָ . . . . . . . 15
9-10. דזשעק לאָנדאָן — א מעקסיקאנער . . . . . . . . . . . 24
11-12. א. קופּרין — גאמברינוס . . . . . . . . . . . . . 24
13-14. מ. גאלד — דערציילונגען . . . . . . . . . . . . . 25
15. ע. סינינבערג — גאלאָפּ . . . . . . . . . . . . . 40
16. בונין, גאָלד, מיל — קנעכט . . . . . . . . . . . . . 25

פּרייז 4 קאָפּ.

Э. ФИНИНБЕРГ

# ГАЛОП

Кооп. Изд. „Культур-Лига“

קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג
„קולטור-ליגע“
קיעוו 192[illegible]

[illegible]